STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02960

MENTSHN UN GASN

D. Zakalik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. זאַקאַליק

מענטשן און גאַסן

[illegible]
מיט פֿרײַנדשאַפֿט
ד. זאַקאַליק
10/5/62

פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ
ישראל
1962

D. ZAKALIK
MENTSHN UN GASN

Publishing House I. L. Peretz
31, Allenby str., Tel-Aviv

*

ד. זאַקאַליק
מענטשן און גאַסן

פאַרלאַג י. ל. פרץ
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

©

נדפס בישראל, 1962
Printed in Israel

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

פראניעו

אין איינעם אַ מיטוואָך

זייט דעם ערשטן האַרץ־אַטאַק וואָס יאַסקע האָט באַקומען, האָט בתיה, זיין פרוי, מחמת די אָפטע טויט־פאַלן פון פּאַפּלעקסיע, אים נישט אָפּגעלאָזט, נאָכגעקוקט אים יעדן טריט און אַכטונג געגעבן, אַז ער זאָל זיך נישט אויפרעגן. איז ער געווען אין ביורא, האָט זי מיט פאַרשידענע אויסריידן געקלונגען צו אים, כדי צו הערן אים רעדן. זי איז אויך נישט איין מאָל ספּעציעל פאַרבייגעפאָרן דעם בנין וואָס ער בויט, כדי אים צו זען.

יאַסקע, ווען ער איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל נאָכן האַרץ־אַטאַק, האָט זיך איינגעקוקט אין זיין בתיהן, וועלנדיק אַרויסלייענען פון איר בליק, ווי עס האַלט מיט אים, צי ער איז טאַקע געפערלעך קראַנק. אין אירע אויגן האָט ער דערקענט אַז עס שרעקט זי זיין שוואַך האַרץ. ווי ער פאַרשטייט, זאָגט איר דער דאָקטאָר וועגן זיין האַרץ מער ווי אים. ער פּילט עס אין איר אָפּהיטן פּינקטלעך די שעה, ווען ער דאַרף נעמען די פּילן. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער געחוזקט וועגן גאַנצן ענין האַרץ. ער האָט בתיהן אויפגעוויזן, אַז לויט אַלע סימפּטאָמען האָט זיין אַוועקפאַלן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיטן האַרץ, אַז דער עלעקטראָקאַרדיאָגראַם האָט גאָר נישט געוויזן קיין האַרץ־פעלער. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן וויסן, וואָס בתיה ווייסט וועגן זיין האַרץ. — האָט ער שונאים — און ווי געשיקט זיך אַז נישט — איז זאָלן זיי זיך נישט פרייען. ווידער די פריינד — זאָלן זיי נישט קוקן אויף אים מיט מיטלייד... ער, יאַסקע, האָט געוואָלט מען זאָל אים זען אַ געזונטן. ער האָט געטאָן אַרבעטן וואָס האָבן

געפאָדערט אָנשטרענגונג, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט נישט געשען מיט אים. אַז ער האָט איינקוקנדיק זיך אין שפּיגל, זיך געזען מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל, האָט עס אים געשטאַרקט. ער האָט זיך געקויפט פאַרשידענע מכשירים צו גימנאַסטישע איבונגען און זיי אויסגעשטעלט דווקא אין פאָדער־צימער, כדי פריינד און באַקאַנטע זאָלן זיי זען. ער האָט די משא־שטאַנג מיט אירע שווערע קוילן אין יעדן עק געלייגט אויף אַן אָנזעעוודיק אָרט, אַז ווער עס וועט אַריינקומען צו אים זאָל זי באַמערקן. הגם ער האָט מורא געהאַט אַפילו צו פּרוּוון אויפצוהייבן די שטאַנג, האָט ער זיך פאָטאָגראַפירט מיט אַזאַ משא־שטאַנג. איי די שטאַנג פון פאָטאָ־סטודיע איז געווען פון גומי, אָנגעבלאָזן מיט לופט, אָבער אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט מען זי געהאַלטן פאַר דער משא־שטאַנג, וואָס ליגט אין האָל, און מען האָט געמיינט, אַז ער האָרטעוועט זיך די מוסקולן. וויפל מאָל ער האָט געזען זיין בתיהן זיך איינקוקן אין דער משא־שטאַנג, האָט ער זיך געשטעלט מעשה גיבור:

— ווילסט איך זאָל זי אויפהייבן? אָט שוין!?

בתיה, די קליינוווּקסיקע, איז מיט איר קאָפּ צוגעפאַלן צו זיין האַרץ. נאָך אַ רגע האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט געלעכטער און געבעט אין בליק ווי גערעדט צו אים: — איך גלייב דיר, אָבער שטעל נישט איין דיין שוואַך האַרץ!...

דעם לעצטן מיטוואָך, נאָך אַ לענגערן שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט איינעם פון זיינע קרעדיטאָרן, דעם באַרימטן קמצן מילנער, האָט ער זיך אַביסל אויפגערעגט. א רגע האָט עפּעס אים אַ ציפּ געטאָן ביים האַרץ, און נאָכדעם ווי ער האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן אַ שלונג קאַווע, איז ער ווידער געקומען צו זיך. ער איז אַהיימגעגאַנגען זיך אויסרוען. ווי נאָר ער איז געבליבן איינער אַליין, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם פאַל און גערעדט צו זיך: — „יאָסקע! דאַרפסט זיך האַלטן, זיך אויסהיטן פאַר אַ צווייטן אַטאַק!... די מעגלעכקייט פון אַן אַטאַק האָט אים געגריבלט אין מוח. — זיכער מיט זיך קען ער שוין נישט זיין. עס קען עפּעס מיט־

אַמאָל געשען מיט אים, אַז ער זאָל אַוועקפאַלן ווי אַ פויגל מיט אונטער־געשאָסענע פליגל, ער זאָל איינשלאָפן ווי אַ הון — איינשלאָפן און נישט אויפשטיין... אַ מענטש איז נישט זיכער מיט זיך אַפילו ווען ער גייט אויף אַ גלייכן וועג... „פאַרפאַלן, אַ געוויינלעכע זאַך צווישן מענטשן...״ ער קען מיטאַמאָל צומאַכן די אויגן און קיינער וועט אַפילו נישט וויסן, ווער ס'איז געווען יאָסקע... וואָס ווייסט דען עמעצער וועגן אַזאַ ווי ער?... בתיה? אַז זי וועט נעבעך בלייבן אַן אלמנה, וועט זי זיין אַזוי דערשלאָגן און אַנגעוויטיקט, אַז אַן טרערן וועט זי קיין וואָרט נישט קענען אַרויס־רעדן. אַז זי וועט וועלן אַרויסרעדן זיין נאָמען — וועלן טרערן פאַרגיסן איר האַלדז. מען וועט דאַרפן רחמנות האָבן אויף איר. און ווער? די קינדער? זאָלן זיי געזונט זיין, זיי וועלן די מאַמען קושן, אויסקושן אירע באַקן, הענט. זיי וועלן זי אַרומנעמען מיט ליבע, וועלן איר פאַרזיכערן, אַז זיי וועלן זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, און נאָר זי זאָל זיך שאַנעווען — נישט רעדן... עס איז תמיד גוט ווען איין מענטש ווייסט עפּעס וואָס צו זאָגן וועגן צווייטן. מענטשן פאַרשלאָסענע אין זיך, איינזאַמע, האָבן אַ שוואַרצן סוף... קיינער באַגלייט זיי נישט אין זייער לעצטן וועג... מענטשן שרייבן־אויף זייערע איבערלעבונגען. — ער וואָלט עס אפשר אויך געדאַרפט טאָן! — גיט יאָסקע זיך אַ קראַץ אונטערן אויער, — ווי זאָגט יענער „וועלט־חכם״: „איך שפּיל נישט קיין פּיאַנאָ, כ'וויס אָבער נישט צי איך קען נישט — כ'האָב נאָך נישט געפּרוווט״... שרייבן? — נישטאָ ס'געדולד. מיט זיין שוואַך האַרץ קען ער זיך נאָך מקצר זיין דעם קץ... געווען אַזעלכע פאַלן — מענטשן זענען בעתן שרייבן איינגעשלאָפן מיט די פּענעס אין די הענט, איינגעשלאָפן אויף אייביק... עס וואָלט גוט זיין זיך אויס־צורעדן פאַר אַ נאָענטן — נישט ספּעציעל אים צו רופן צוליב דעם, נאָר אַזוי זיך, און רעדנדיק על דא והאָ, ביניגו לבין עצמנו, אונטערפירן אַ סך הכל איבער די עטלעכע און פופציק יאָר לעבן, כ'לעבן, עס וואָלט כדאי געווען! — אַ מענטש איז אויסגעשטעלט אויף נסיונות, און פאַרפאַלן. אַז ער איז נישט געזונט, איז ער אַ שברי כלי, — אָט גייט ער און קען פאַלן —

נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין... עס האָט שוין פּאַסירט אַזעלכעס... בפרט ווען עס שוואַנקט דאָס הארץ, — נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין...

ביי דעם געדאַנק — „גיין און פאַלן" — זענען אים, יאָסקען, אַרויס שוויס־טראָפּנס צווישן די שטערנפאַלדן. די קישעלעך אונטער די אויגן זענען אים אויפגעלאָפן, און אַז ער האָט דאָס מאָל זיך איינגע־קוקט אין שפּיגל, האָט ער אויף דער זויערער מינע זיינער, זיך פאַרקרימט. ער האָט אַרויסגעשטעקט צו זיך די צונג און מיט אַ קאַצנשפּרונג איז ער אַרויס פון שלאָפצימער. עס האָט אים פאַרכאַפּט אַ ווילן צו גיין, לויפן, אָפּטאָן וואָס ער קען, — אַ לעב טאָן! כל־זמן שהנשמה בקרבו...

„אַ לעב טאָן" האָט ביי יאָסקען געהייסן זיצן ביי אַ קאַפע־טישל, וואָס שטייט אין דרויסן אויפן טראָטואַר, טרינקען אַ גלאָז קאַווע מיט אַ הויכער שוים און איינעטעמען פרישע לופט. אמת, תל־אביב איז נישט גרויס, דאָך איז אין יעדן ווינקל אַן אַנדערע לופט. די לופט אין קוואַרטאַל, ווו די קאַפע, ווו ער, יאָסקע, איז אַ סטאַמגאַסט, איז אַן אַנדערע ווי די, ווו ער וווינט. די לופט שמעקט אים, דערפרישט אים, שטאַרקט אים, ער אָטעמט לייכטער. ער האָט איצט געקענט פאָרן מיט אַן אויטאָבוס, ער איז אָבער געגאַנגען. געגאַנגען און זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט געקענט יעדעס ווינקל אין דער געגנט. נישט איינמאָל פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, זיך צוקוקן ווי קינדער שפּילן זיך אין „קלאַס", אָדער זיך איינקוקן אין דער אַרכיטעקטור פון אַ הויז, וואָס לויט אים האָט מען געקענט מאַכן די באַלקאָנען ברייטער און טיפער. דאָסמאָל איז אים דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט געקוקט אויף זיינע טריט, אויף די שפּיצן פון די שיך, צי עס ליגט נישט עפּעס אַ שאָלעכץ פון אַ מאַראַנץ, אָדער באַנאַנע, ער זאָל זיך נישט אויסגליטשן.

אַ היפּש שטיק וועג איז ער פאַרטראַגן געווען אין טראַכטן וועגן זיך, אָפּצוהיטן זיך עס זאָל אים גאָרנישט געשען. מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט, אַז פנחס, זיין יוגנט חבר, וואָס איז אָקערשט געקומען אין לאַנד אַריין, און וויל ער זאָל אים העלפן איינקויפן זיך אַ דירה, ווערט היינט

קומען צו אים. ווי ער האָט זיך דערמאָנט אין פּנחסן, איז אים געקומען אַ געדאַנק אַ רעד צו טאָן מיט יואלקן, פּנחסעס אַ קרוב, אַז ער זאָל זיך טאָקע איינשפּאַנען און ביידע צוזאַמען זאָלן זיי העלפן פּנחסן זיך איינצוואָרדענען. פּנחס, אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק, האָט נעבעך אַ סך זיך אָנגעליטן אין דער פּאַרטיזאַנטקע. אַז עס וועט אים עפּעס נישט געלונגען גלייך אויפן אָרט, אָדער מיטן ערשטן פּרווו, וועט ער אַראָפּלאָזן די הענט. ביי אונדז דאַרף מען אי תורה, אי חכמה, און פּלייצעס, און עלענבויגנס... וועט מען עפּעס טאָן פאַר פּנחסן, וועט ער עס געדענקען. איי צו וואָס דאַרף ער דעם יואלקן פאַר אַ שותף? — „וואָס צוויי איז נישט איינער"... יואלקע וווינט אין צפון־מזרח־טייל פון ת"א. ער זאָל אים נאָר טרעפן, יואלקן! — האָט יאָסקע מיט ביידע הענט זיך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. ער איז איינגע־שטיגן אין אויטאָבוס און על פּי טעות אויסגעשטיגן אַ סטאַציע פריער. צוקומענדיק צו דער אַריסטובול־גאַס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. עפּעס האָט אים אַ קלעם געטאָן ביים האַרץ. פון ווייטיק האָט אים געצויגן זיך אָנצושפּאַרן אין עפּעס, ער זאָל נישט אומפאַלן. עס האָט אים עפּעס געדריקט אויף די אויגן־לעפּלעך, ער האָט אָבער באַין אופן נישט געוואָלט צומאַכן די אויגן — „נאָר נישט צומאַכן!" — האָט ער זיך געזאָגט. דאָך האָט ער נישט גובר געווען דעם דרוק אויף די אויגן, און ער האָט נאָר איין אויג פאַרמרוזשעט.

די גאַס „אַריסתובול“

אָפּט פּאַסירט — מען וווינט אָפּ אַ צייט אין אַ געגנט און מען קען נישט די גאַסן.

עס טרעפט: פּלוצלונג דערוויסט מען זיך — אַ נייע גאַס איז אויפגעקומען!

די גאַס „אַריסתובול“ איז נישט פון נעכטן געוואָרן גאַס. זייט עס האָט אָנגעהויבן זיך צו בויען דער צפון־מזרח־טייל פון תל־אביב, זענען אויך אויפגעקומען די הייזער אין דער גאַס „אַריסתובול“.

אַ צייט האָט מען נישט געוווּסט דעם נאָמען פון דער גאַס. געווען אַן אַלגעמיינער נאָמען — „שכון רסקו“. אַז אַרום דעם שיכון זענען שוין אויפגעבויט געוואָרן לאַנגע שורות הייזער, גערטנער און שולן, גאַס נאָך גאַס, האָט מען אויף דער וואַנט פון ערשטן הויז אָנגעקלאַפּט דאָס שילדל מיטן אויפשריפט: „אַריסתובול“.

די גאַס איז איינע פון אַ גאַנצע רייע גאַסן אויף די נעמען פון די חשמונאים. זי איז קליין, שמאָל, אָבער איר הימל איז ברייט. דריי אַריינגענג האָט זי: פון מזרח־זייט, מערב און צפון־זייט. אַהער פאָרט נישט אַריין קיין אויטאָ: נישטאָ פּשוט וווּ זיך אויסצודרייען. פון איין זייט קומט מען אין דער גאַס אַריין פון אַ שיפן אַראָפּגאַנג. פון די אַנדערע צוויי זייטן, וואָס זענען שוין גלייך מיטן ברוק פון די דערנעבן־גאַסן, איז דער אַריינפאָר פאַרשטעלט מיט דיקע רערן, אָפּגעפאַרבט אויף שוואַרץ מיט ווייסע גאַרטלען אין מיטן.

בסך הכל 8 הייזער. פאַר יעדן הויז —ביימער, וואָס זענען איינגע־

הילט אין זייער גרינעם שלייער און האָבן אַ נייגונג צו קלעטערן איינס אויפן אַנדערן, פלעכטן זיך און בילדן פאַרן אַריינגאַנג אַ מין טויער. ווער עס וויל זיין הויז צוגעבן עפּעס חן — פאַרפלאַנצט פאַרן אַריינגאַנג אַזעלכעביימער.

און אַן אייגן סקווערל איז אויך פאַראַן אין דעם געסל. פאַרמיטאָג שפּילן זיך דאָ פּיצלעך קינדער. זיי האַלטן זיך איינס ס'אַנדערע ביי די הענטלעך, דרייען זיך אין אַ רעדל און זינגען, און די מאַמעס זיצן אויף די בענק, היטן זיי, שעפּן נחת און שטריקן פאַר זיי סוועטערלעך.

אין דעם סקווערל — טאָפּאָלן, — הויכע, שלאַנקע מיט שאַרפע שפּיצן, ווי די לולבים. זומער זענען די טאָפּאָלן באַהאַנגען מיט גרינע, דראָבנע בלעטלעך, וואָס באַפּאַנצערן זיי, ווי שופּן אַ פיש. און בעת שטילע ווינטלעך, שאַרשן זיי זיך דורך איינער מיטן אַנדערן וועגן טעם פון טוי.

אָנהייבנדיק פון האַרבסט, און דעם גאַנצן ווינטער, שטייען די טאָפּאָלן אויסגעטוענע, נאַקעטע, שטומע. די צווייגלעך — מיט פאַרגלייזטע אויגן און רויטע קענטלעך, ווי וויעס, קוקן צום הימל און טרוימען ווידער זיך איינצוהילן אין דעם גרינעם בלעטער־קלייד.

כאָטש קליין, איז זי דאָך די באַקאַנטסטע גאַס אין דער געגנט. כמעט אַלע איינוווינער פון דעם קוואַרטאַל קומען אַהער. דאָ איז דער סניף פון דער הסתדרות־קראַנקן־קאַסע. ס'הויז האָט די פאָרעם פון אַ דלד. אַ שטאָקיק הויז מיט קליינע פענצטערלעך. פון פרימאָרגן אָן גייען אַהער גרויס און קליין, פרויען און מענער, טאַטעס און מאַמעס מיט קינדער ביי די הענט און אויף די הענט, מיט קינדער אין די וועגעלעך.

די איינוווינער אין דער אַריסטובול־גאַס זענען אַלע טעג פון דער וואָך ביי זייערע באַשעפטיקונגען. שבת זענען די מענטשן אין די גערטנדלעך: מען וואַרפט איבער די ערד, מען רייסט אַרויס דאָס ווילד־גראָז, מען באַוואַסערט, מען לייגט זיך אין די אויסלייג־שטולן, מען שעפּט נחת און מען שעפּט לופט.

ס'קומען געסט.

מען רעדט וועגן אַטאָם, וועגן פאָרן אויף אַן אויספלוג, מען רעדט וועגן גאָסן: — „אַריסטובול״? וועלכער אַריסטובול? — יהודה? דער וואָס האָט פאַרשלעפּט זיין מאַמען אין תפיסה אַריין און זיך גענומען דאָס מלכות?...

מען רעדט וועגן עליה, וועגן עולים. מען דערמאָנט דאָס אייגענע עולה זיין. מען פאַרגלייכט:

— ביים טאַטן דיינעם האָסטו עס נישט געהאַט. ווער מיר גוט ווינטשט. און מען ענטפערט:

— וואָס זאָל איך זאָגן, אַז מען קען נישט מחדש זיין די נעורים... הלוואַי ווער איך נאָך אַ מאָל געבוירן און מיטן היינטיקן שכל...

די ביימער טרוימען...

די גאַס טרוימט...

די מענטשן טרוימען...

*

יאָסקע איז צופרידן געווען פון שמועס מיט יואלקן און זיין שילדערן פאַר אים די גאַס און די מענטשן. ער האָט אים געטראָפן אין אַ גוטע מינוט, יואלקן. אַז דער מענטש וויל רעדן גוט — טראַכט ער נישט, עס רעדט זיך. פון פרייד איז יאָסקען ברייטער געוואָרן ס׳האַרץ. עס איז אים געפעלן יואלקעס פאַרנעמען זיך צו דערלעבן די 120, און ס׳ווינטשן אים ער זאָל אים דעריאָגן... אַז יאָרן לויפן, איז עס דאָך נישט פון די אומ־מעגלעכקייטן... אָבער מיט אַ האַרץ־פעלער!?... און יאָסקע האָט זיך צעשמייכלט, ווי ער וואָלט זיך זאָגן: — מאָלע וואָס עס ווילט זיך!...

ער האָט געקענט איינשטייגן אין אויטאָבוס און צופאָרן ביז צו דער קאַפע, ער האָט אָבער באַשלאָסן צו גיין. יואלקע האָט געזאָגט: — גיין איז געזונט. אַז ער איז שוין געווען אין עק פון דער „בזל״ גאַס, האָט ער דערפילט אַז ס׳האַרץ אַרבעט אים שנעלער ווי געווינלעך. ער האָט צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ, ווי ער וואָלט וועלן עס באַרויקן, איינ־

שטילן. ער האָט מורא געהאַט צו גיין און זיך אָפּגעשטעלט. זיך פֿאַרטראַכט. אַז מען פּילט ס׳האַרץ — האָט עס אַ פֿעלער. האָט ער טאַקע אַ האַרץ־פֿעלער? פֿון וואָס איז עס אים געקומען? מיט וואָס האָט ער אָפּגעשוואַכט זיין האַרץ? זאָל זיין אַז די דיקקייט זיינע באַשווערט דאָס האַרץ? הייסט עס, אַז ווען ער וואָלט געווען מאָגער, וואָלט אים געסטייעט דאָס האַרץ? זאָל זיין אַז ס׳פּעטס דריקט אויפֿן האַרץ? אפשר די אַמאָליקע קדחת־קרענק זיינע האָט אָנגעגרירט ס׳האַרץ? אַז ער איז געווען יונג האָט ער עס נישט געפֿילט, איצט רופֿט עס זיך אָפּ און קווילט אים. מעגלעך אַז דער אימפּעט, וואָס האָט יאָרן אים געטראָגן ער זאָל איבעריאָגן אַנדערע פֿון זיינס־גליכן, איבערשטייגן מיט אונטערנעמונגס־פֿעיקייט, קענטעניש, דערהייבן זיך איבער זיינס גלייכן, מעגלעך אַז דאָס האָט ווי ברי־בלעזלעך אָפּגעלייגט זיך אַרום זיין האַרץ און איצט קנייפּן זיי.

דאָס קעטשל פֿון רויטן מגן־דוד איז פֿאַרבייגעפֿאָרן און עס האָט אין יאָסקעס אויגן אַ פֿינקל געטאָן ווי אַ בליץ. ער האָט גענומען גיין, אָבער לאַנגזאַם, טראָט נאָך טראָט, און כדי צו פֿאַרגעסן אין האַרץ, האָט ער זיך איינגעקוקט אין אַלץ וואָס אויף דער גאַס. זי איז אים איצט אויסגעקומען אַנדערש ווי ער פֿלעגט זי זען פֿריער.

די גאַס „בזל"

אין תל אביב איז די גאַס „בזל" נישט אַבי אַ גאַס! — זי שניידט זיך אַדורך צווישן די גאַסן זשאַבאָטינסקי און נאָרדוי. אַנדערש געזאָגט — די גאַס האָט פאַרכאַפּט דעם מיטן פון די צווי וועטעראַנען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און איז ווי דער חוט־השדרה פון דער היסטאָריע פון ציוניזם. אין באַזעל, אין 1897, אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט אויפגעפלאַטערט די פאָן פון ציוניזם!... דאָס איז דאָס כתונת־הפסים פון דער גאַס, נאָר נישט אין בלוט געטונקען, נייערט אין טרוים...

אויף דער באַזעל־גאַס זענען דאָ געציילטע קראָמען, נישט אויסגעשטעלט פאַר צופעליקע פאַרבייגייער. אויך דער מאַרק אויף דער גאַס איז אַ שטילער. עס איז נישטאָ קיין אָנגעלויף פון קונים און די הענדלער רופן נישט אויס זייער סחורה, נעמען נישט צו די קונים פון אַנדערע סוחרים. די קופּעס מאַראַנצן ווינקען מיט זייער גאָלד־גלאַנץ. די רויט־פליישיקע פּאָמידאָרן, די עפּל מיט די רויטע בעקעלעך, דאַרפן נישט קיין רימערייען — די סחורה רופט.

די הייזער אויף דער „בזל" גאַס זענען אין איין סטיל: הויכע, דריישטאָקיקע, פלאַכדעכיקע, אַ חוץ דעם הויז פון די פייער־לעשער און דעם טורעם, וואָס שטאַרט אַרויס איבער אַלע הייזער, ווי אַ טייטל, וואָס רופט צו וואַכזאַמקייט, וואָרנט פאַר שריפות.

דאָס הויז פאַר נייע עולים, מיט די לאַנגע שמאָלע פענצטער, „דערציילט" באַרימעריש וועגן ציל פון זיין עקזיסטענץ.

עס דערציילן די פאַרבן, די שטילקייט, די היסטאָריע...

*

יאָסקען האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלע פאַרבן פון דער גאַס לויכטן אין זייער גאַנצער צעשטראַלטער פּראַכט, נאָר כדי צו באַווירקן, אַז זיין האַרץ זאָל שווער אַרבעטן, און אַ שרעקלעכער געדאַנק האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין מוח: ביי די אַזוי אָפטע טויטפאַלן פון אַ פּאַפּלעקסיע — איז ווער קען וויסן ווען ער וועט נאָך קומען דאָ אַהער?... ער האָט זיך פאַר־קרימט. ער האָט געפילט אַז ער האָט זיך פאַרקרימט. און ער האָט אָפּגעע־דריגעט, ווי ער וואָלט אָפּשאָקלען פון זיך די משונהדיקע העויה.

ס׳טרעפט, אַ מענטש געפעלט זיך נישט, ער איז נישט צופרידן פון זיך, ער וואָלט געשפּרונגען פון דער אייגענער הויט. שפּרינגען פון דער אייגענער הויט האָט זיך יאָסקען געוואָלט, און נאָר נישט צו זיין דער מענטש מיטן קראַנקן האַרץ. ער וויל נישט זאָגן, אַז ער וואָלט אָפּגעגעבן יאָרן פון זיין לעבן, כדי צו האָבן אַ געזונט האַרץ — אין זיין צושטאַנד וויל ער נישט שאַסטעווען מיט יאָרן, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך אַז אַ מענטש פאַלט אַריין אין אַ קרענק, — נישט אַלע מוזן שטאַרבן פון דער קרענק... אַז עס זאָל זיין אַ פראַגע וועגן געלט, וואָלט בתיה אויך מסכים געווען אַוועקצוגעבן דעם גרעסטן טייל פון פאַרמעגן און אפשר טאַקע ס׳גאַנצע פאַרמעגן, אַז עס וואָלט זיך געפאָדערט, אָבער יאָרן!?... ווי בידנע זיי זאָלן נישט זיין!... הו, הו, הו! — האָט יאָסקע אונטערהוסטנדיק געלאַכט — וואָס רעדט ער וועגן יאָרן? זיי זענען דען זיינע? און דער רבונו של עולם וואָס וועט זאָגן?... כ׳לעבן, ער הייבט שוין אָן ווערן נאַריש! — האָט ער זיך געטראַכט, געהויבן מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַרויס־דרייען פון די טראַכטעניש. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו כאַפּן אָטעם.

מיטאַמאָל האָט אַ בלאָז געטאָן אַ שטאַרקער ווינט. עס האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ זאַמדיקער שטויב. דער ווינט האָט געבלאָזן מיט הוזשנ־דיקן כוח, געבויגן, געדרייט די הויכעביימער. עס האָט אָנגעזאָגט אויף רעגן. אויף דער גאַס זענען אין געווירבל געפלויגן פאַרוואַלגערטע שטיק־לעך פּאַפּיר. עס האָט זיך אָנגעטראָגן אַ מושב פון אָפּגעלעגענע בלעטלעך

פון בזשאָזעס. אויפן מאַרק זענען אין גאַמיש געפלויגן פעדערן פון אָקערשט אָפּגעפּליקטע הינער און אָפּפאַלעכץ פון ציבעלע־שאָלעכץ. די הענדלער ביי די אָפענע שטעלעכלעך האָבן אין איין אייַלעניש פאַרוואָרפן ברעזענט־דעקעס איבער זייערע סחורות, אַנדערע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין סטאַבילע שטעלעכלעך, נאָר געהאַלטן זייער סחורה אין קיישלעך, זענען געלאָפן אין בהלה ווי געיאָגטע שאָף.

אומעטום האָט מען איצט מורא געהאַט פאַר דעם רעגן, וואָס וועט באַלד אַ באַץ טאָן. די קאַפע־אייגענטימער כאַפּן אַראָפּ פון טראָטואַר די אויסגעשטעלטע טישלעך, מענטשן לויפן איבער דער גאַס מיט קעצישן שפרונג. אייניקע כאַפּן אין גאַייל אַ בליק צום הימל, אויף דער געדיכטער כמאַרע פון ים־זייט, ווי זיי וואָלטן אויסגערעכנט, ווי שוואַרץ און געדיכט עס דאַרף זיין די כמאַרע, אַז עס זאָל שוין אַ גאָס טאָן דער רעגן. יאָסקע האָט זיך איינגעקוקט אין דער כמאַרע אויפן הימל. ער האָט זיך אָנגעגורט מיט כוח און געמאַכט ברייטע שפּרייזן. ער האָט געקענט אַריינ־גיין אין דעם ערשטן־בעסטן רעסטאָראַן, קאַפע, אַפילו ווו ער קומט נישט קיינמאָל, און נאָר כדי איבערצוּוואַרטן דעם שטורעם און דעם רעגן, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. ער האָט געזען, אַז עס רוקט זיך אָן די שעה פון פּנחסעס קומען צו אים, האָט ער שוין רעזיגנירט פון אַריינצוגיין אין אַ קאַפע. — „אַז פּנחס וועט קומען און וועט אים נישט טרעפן, קען ער מיינען אַז ער איז ספּעציעל אַוועק פון דער היים, כדי ער זאָל אים נישט טרעפן. און גראָד איצט דאַרף ער אים, פּנחסן. ער דאַרף זיך אויסרעדן, דערציילן, אפשר וועט עס אויך לייכטער מאַכן דאָס האַרץ זיינס.

די טונקעלע כמאַרע פון ים־זייט איז געוואָרן געדיכטער. יאָסקע איז געגאַנגען אין איין אָטעם. פון דאַנען האָט ער נישט געהאַט קיין אויטאָבוס צוצופאָרן צו זיין היים. עס איז אים איצט נישט איינגעפאַלן צו נעמען אַ טאַקסי, און ער האָט ראַפּטום זיך אָפּגעשטעלט, זיך געכאַפּט פאַרן האַרץ. — „העי, יאָסקע! געדענק אין דיין האַרץ־פעלער!“ — האָט זיך

אים געדאַכט אַז עס רעדט עמעצער צו אים. און הגם ער האָט נישט געזען קיינעם נעבן זיך, האָט ער דאָך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי דאָס וואָלטן געווען זיינע ווערטער, — ער קען נאָך אַוועקפּאַלן אין מיטן פון דער גאַס, אויסציען די „קאָפּיטעס״, ווי אַ בהמה, ווי אַ בהמה... און ער האָט נישט באַוויזן צוצוגיין צו דער גאַס פון זיין וווינונג, ווי עס איז אַראָפּ אַ גאָס־רעגן.

ס׳הויז אין גאָרטן

יעדער פון אונדז האָט רעכט אויף אַלעם, אַלץ איז פאַר אונדזערט־וועגן, — האָט יאָסקע געזאָגט צו בתיהן, איידער ער האָט אָנגעהויבן בויען זיין הויז.

ס׳הויז, וווּ יאָסקע וווינט, איז זיין אייגנס. עס שטייט מיטן פּנים צו מערב־זייט. דער פראָנט פון הויז איז באַדעקט מיט קאָלירטן מאַרמאָר. אויך די ווענט פון קליינעם פאָדער־הויז זענען באַדעקט מיט קאָלירטן מאַרמאָר און גלאַנצן, ווי שפּיגלען. יאָסקע האָט אַלע זיינע השגות אין קאָמפּאָרט פונעם הויז פאַרפּיקסירט. ער האָט נאָך בדעה געהאַט אויסצוגיסן צוויי גיפּסענע לייבן און זיי אַוועקשטעלן פון ביידע זייטן ביים אַריינגאַנג, אָבער כדי נישט אויפצורייסן ביי מענטשן די אויגן האָט ער רעזיגנירט פון דעם לוקסוס. די וווינונג גופא האָט ער געבויט ביד רחבה. ער האָט געהאַט שטח און געבויט גרויסע צימערן. ביים אויסמעבלירן די וווינונג האָט ער מסכים געווען מיט בתיהן נישט אָנצושטעלן קיין סך האָלץ, וואָס עס לאָזט זיך — איינמויערן אין די ווענט. זי האָט נישט געוואָלט קיין באַזונדערן פאַר זיך גאַרדעראָב־צימער — „זי וויל נישט שפּילן קיין ראָלע פון אַ דאַמע. זי וויל נישט מאַכן די „פּוריע״! און זאָל מען פון זיי נישט לאַכן. נאָר איינס איז איר נישט געפעלן — דאָס שלאָפצימער. די צוויי בעטן, — „חפצים״, — האָט זי זיי אָנגערופן, וואָס מען נוצט זיי נאָר עטלעכע שעה אין דער נאַכט, פאַרנעמען די שטוב דרייפערטל פון מעת־לעת! דעריבער, ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די שפּרונג־קאַנאַפּעס, וואָס מיט איין רוק ווערט פון איינער צוויי, האָט זי די ערשטע

אַריינגעשטעלט אַזאַ קאַנאַפּע אויפן אָרט פון די בעטן. אין גרויסן צימער, וואָס אַלע באַקאַנטע רופן אַן סאַלאָן, האָט זי אַריינגעשטעלט אַ גרויסן בלומענטאָפּ און ס׳געוויקס קלעטערט אויף אַ ספּעציעל צוגעשטעלט לייטערל. אויפן נידעריקן קרעדענס, ווו עס געפינען זיך פלעשער גע־טראַנקען און כוסות, און רופט זיך „באַר", האָט זי אַוועקגעשטעלט טעלערע וואַזאַניקעס מיט בלומען און די פאָטאָגראַפיעס פון דעם זון און דער טאָכטער. נאָר אויף צוויי ווענט האָט זי אויפגעהאָנגען בילדער, און דווקא פון יונגע קינסטלער, ווייניק באַקאַנטע — „דער באַרימטער קינסטלער האָט שוין אַזוי אויך מוט צו שאַפן", — האָט בתיה געזאָגט. דער טיש אין דעם סאַלאָן האָט אויסגעזען קליין, אָבער ווען מען האָט געדאַרפן אויפ־נעמען געסט, איז דער טיש דורך פונאַנדעררוקן די קלאַפּעס, גרויס געוואָרן. עס זענען אויך געשטאַנען „קאָקטייל" טישלעך, איינס אַריינגע־רוקט אין אַנדערן, אָבער בתיה האָט זיי זעלטן גענוצט, — ווייל „דאָס אַפּזונדערן זיך, פּירט אַריין כמורנעקייט. אַז מען זיצט ביי איין טיש — צעבינדט זיך די צונג אויך ביי אַ שתקן", — האָט בתיה אויפגעקלערט. עס זענען געשטאַנען טעלערע פאָטעלן און זיי זענען גענוצט געוואָרן ווען עס זענען געקומען קרובים, אָדער באַקאַנטע אויף אַ קורצן באַזוך בלויז. סיי בתיה, סיי יאָסקע האָבן אָנגעקוואָלן פון דעם סאַלאָן. אין דער וווינונג איז געווען אַ סך ליכט, באַזונדערס ליכטיק איז געווען אין סאַלאָן. ליכט! ליכט! חוץ דעם גרויסן זשיראַנדאָל, וואָס האָט געוואָרפן ליכט אַרויף און אַראָפּ, זענען אויף די ווענט געווען טאָפּלטע קינקעטן מיט גרויסע לעמפּלעך. זייער זילבערנע חתונה האָבן זיי שוין געפּראַוועט אין דעם סאַלאָן. עס איז זיי גוט געווען.

— וואָס וואָלט עס געשאַט ווען וואָלט עס וואָלט ביי אַלע מענטשן געווען ליכטיק אין זייערע שטובן ?... און ווען אַלע וואָלטן האָבן הייזער אין גערטנער ?... האָט בתיה, ווי מיט אַ טענה, געפרעגט יאָסקען.

— בתיה קרוין! עס וואָלט געווען כולו זכאי — משיח וואָלט געקומען, שטעלסטו זיך פאָר די וועלט, וואָס עס וואָלט דאַן געווען ?...

פנחס

ווער עס זעט אים, וווּנדערט זיך: נאָך נישט קיין אַלטער מאַן און שוין אַ גראָער קאָפּ. דאַר און קליינוווּקסיק איז פּנחס, אַ שמאָלער האַלדז און אַ מעטאַלענע שטים. אַן אויסזען, ווי קוים וואָס ער פּאָכעט מיט דער נשמה.

אַז ער איז איצט ווידער געקומען צו יאָסקען און יאָסקע איז נאָך נישט געווען אין דער היים, האָט אים בתיה פּאַרבעטן אין סאַלאָן אַריין, כדי ער זאָל זען און פילן, אַז ער איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ער האָט אין יאָסקעס וווינונג זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער.

ער איז געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן, געקוקט און גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט שוין דאָ פריער געווען און זעט איצט, אַז אַלץ איז ווי געווען. אָן שהיותן, נישט געפרעגט ביי בתיהן צי זי האָט נישט דאַקעגן, האָט ער אַויסגעטאָן דאָס רעקל, איז אַריין אין קיך, געעפנט דעם פרידזשידער און זיך גענומען אַ קאַלטן טרונק. אין בתיהס קעגנ־וואַרט האָט ער זיך געקעמט די טשופרינע, וואָס דער ווינט האָט זי צע־פלאָשעט בעת זיין גיין איצט אַהער. כאָטש קליין און מאָגער איז ער, האָט ער אָבער אַ סך צו דערציילן וועגן זיין לעבן אין געטאָ, אין דער פּאַרטיזאַנטקע.

בתיה איז דאָך אויך געווען אַ קליינוווּקסיקע, דאָך האָט זי זיך אַרויסגעזען פון פּאָטעל. איר רויטער קאָפּ האָר, די אַקסלען אָפּגעברוינטע פון דער זון, און די גרויסע ברילן, האָבן מיט אַ ספּעציעלן גלאַנץ אָפּגע־שיינט פון דעם גראָען פּאָטעל־געבעטעכץ.

פנחסעס קערפּערל האָט זיך קוים אַרויסגעזען פונעם פּאָטעל אַרויס, אָבער זיין מעטאַלענע שטים האָט אין דעם גרויסן סאַלאָן־צימער זיך געהערט מיט אַ טיפן אָפּקלאַנג: — „ווען די דייטשן האָבן באַפוילן אַז די יידן זאָלן אַרויס אויף דער גאַס, זיך שטעלן צו „ווישעדלעניע״, איז קיינער נישט אַרויס, — אַזוי האָבן חברים געהאַט אָפּגערעדט. די דייטשן האָבן געשאָסן. פּנחס און די חברים האָבן געהאַט ביקסן און רעוואָלווערן, האָבן זיי געעפנט אַ פייער אויף די דייטשן. צו די דייטשן איז אָנגעקומען פאַרשטאַרקונג. עס איז שלעכט געוואָרן, האָבן פּנחס און די חברים גענומען די שעניקעס, אָנגעשטאָפּטע מיט שטרוי, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעגרייט, כדי אויפצופלאַקערן אַ פייער. זיי האָבן אָנגעצונדן דאָס שטרוי אין די שעניקעס און עס אַרויסגעוואָרפן דורך די פענצטער אויפן גאַס אַרויס. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסע כמאַרע פון רויך. ער האָט געשאָפן עפּעס ווי אַן עמוד־ענן, וואָס האָט זיי פאַרשטעלט פון די דייטשן. פּנחס און די חברים האָבן אויסגענוצט די רגעס און זיי זענען אַנטלאָפן פון געטאָ. זיי זענען אַרויס הינטער דער שטאָט, און דורך ראָוועס און פעלדער זענען זיי אַריין אין וואַלד. זעקס זענען זיי געווען. 4 האָבן געהאַט רעוואָל־ווערן און צו אַכט קוילן בלויז. צוויי ביקסן און צו הונדערט קוילן. דאָס האָט זיי געקאָסט אַ מטמון מיט געלט און צירונג, וואָס זיי האָבן געהאַט זייענדיק נאָך אויסערן געטאָ. זיי האָבן דאָס ביסל כלי־זיין געקויפט ביי גע־וועזענע פּוילישע מיליטער־לייט. אָפּגייענדיק בערך אַ צוויי שעה, האָבן זיי פאַרלוירן דעם וועג און נישט געוווּסט ווו איין, ווו אויס. האָבן זיי ביי זיך אָפּגעמאַכט צו גיין אין דער ריכטונג צו מזרח־זייט. בלאָנדזשענדיק זענען זיי אַריין אין אַ טיפער בלאָטע אין אַ זומפּ. פון דעם זומפּ זענען זיי אַרויס שטאַרק מידע און קוים זיך דערשלעפּט צו אַ וואַלד, אָבער אָן כוחות צו גיין ווייטער. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט און איינגעשלאָפן. ווען זיי זענען איבערגעשלאָפן (נישט בלויז די נאַכט שעהן, נאָר אויך שוין היפּש אין טאָג אַריין), איז ביי זיי ווידער אַנטשטאַנען די פראַגע — וווהין? צו קיין שאָסיי האָבן זיי נישט געוואָלט צוגיין, ווייל אויף די

שאָסייען האָבן זיך באַוועגט דייטשישע פּאַטראָלן. זיי האָבן זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט פון וואַלד און נאָך נישט באַוויזן צו רירן זיך פון אָרט, פלוצלונג — טראַך!!! אַ שאָס און נאָך איינער. זיי האָבן זיך פאַר־שטענדיקט אויפן ווונק און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, אָנגעשטעלט ס׳כלי־זיין זייערס, אָבער נישט געשאָסן, כדי די שיסער דאָרט זאָלן נישט וויסן, אַז מען איז דאָ.

נאָך צוויי טעג זיין אין וואַלד האָבן זיי געטראָפן אַ גרופּע מאַניע־וויטשער. יענע האָבן שוין געהאַט אַ קאָמענדאַנט און אַ „האַסלאַ״. אין זייער לאַגער זענען אויך געווען עטלעכע משפּחות מיט קינדער. זייער פונקט איז שוין עטלעכע מאָל באַפאַלן געוואָרן פון אוקראַאינער, וואָס האָבן געדינט די דייטשן. די אוקראַאינער זענען געקומען פון פאָסטן קאַראַסין. פנחס און די חברים האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די מאַניעוויטשער און האָבן באַקומען די אויפגאַבע צו ליקווידירן דעם אוקראַאינער פאָסטן קאַראַסין: ביינאַכט זענען זיי אַוועק אויפן שליאַך, ווו עס גייען די וואַגאַנעטקעס קיין מאַניעוויטש, און געעפנט אַ שיסעריי אויף דעם פאָסטן־ביידל. איינער פון זיי איז געפאַלן.

שפּעטער זענען צו זיי צוגעקומען נאָך פּאַרטיזאַנער. שוין אַ גרופּע פון פּופּציק חברה, זענען זיי צוזאַמען אַוועק פאַרברענען די בריק איבערן טייך „סטאָכטאַ״, וואָס פירט קיין קאַמין־קאַשירסק דורכן דאָרף בערע־זשיזשטש. פון דעם דאָרף האָבן די דייטשן געשלעפּט באַשפּייזונג פאַר אַלע זייערע פאָסטנס אין דער געגנט.

אין דעצעמבער 1942 איז שוין דער וואַלד געווען באַדעקט מיט שניי. זיי, די פּאַרטיזאַנער, האָבן שוין געהאַט אַ ווירטשאַפט פון בעלי־חי, אַ זאַפּאַס פון קאַרטאָפל. כדי די דייטשישע פּאַטראָלן זאָלן נישט באַמערקן קיין סמנים פון טריט, האָבן זיי באַשלאָסן נישט גיין אויף „זאַפּראַוועס״. זיי האָבן זיך געמאַכט „זעמליאַנקעס״. פאַר דער צייט איז געקומען אַ גרופּע „וואַסטאַטשניקעס״. זייער לאַגער איז געווען בשכנות מיטן לאַגער פון דער מאַניעוויטשער גרופּע. זיי האָבן שוין געהאַט פאַרבינדונג מיט

אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנער איינהייטן, געקראָגן באַפעלן. זייער פירער — נאַסיעקין, אַ רוס, האָט זיך געקרימט באשר זיי האָבן בלויז יידן. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָט ער נישט איבריק ליב געהאַט קיין יידן. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן נישט געטאָרט קומען אין זיין לאַגער, אָבער זענען באַשווירן געוואָרן אויסצופירן זיינע באַפעלן, אין דער ערשטער ריי — אויפצורייסן דעם באַן־קנופּ קאָוועל—לוצק, דורך וועלכן דייטשישע עשאַלאָנען גייען צום פראָנט. כאָטש פּנחס איז קליינוואוקסיק, איז ער דווקא אָנזעעוודיק געווען. 6 מענטשן האָבן געדאַרפן גיין טאָן די מלאכה. בייטאָג — געשלאָפן און ביינאַכט געגאַנגען. געקראָכן אויף אַלע פיר, געפויזט אויפן בויך. האָבן אָפּגעטאָן זייערס און נאַסיעקין האָט דאָרט, אין לאַגער, אויך אָפּגעטאָן זיינס: צוויי אונטערטאַנער זיינע האָבן דערשאָסן איינעם פון פּנחסעס חברים. נאַסיעקין האָט אָבער נישט געוואָלט זיי באַשטראָפן, הגם זיי האָבן אַפילו געדראָט צו פאַרניכטן דעם יידן־לאַגער. די יידן האָבן שוין געוואָלט זיך אָפּטראָגן פון דעם פּונקט, איז מיטאַמאָל אָנגעקומען איינער אַ ריזיקער פאַרשוין — דיאַדיאַ פּעטיאַ. ער האָט איבערגענומען דעם „אָטריאַד" און זיי נישט געלאָזט אַוועק. דער ווינטער איז געווען אַ שווערער. שניי־זאַווערוכעס און גרויסע פרעסט. פּנחס איז קראַנק געוואָרן. צי די אַנדערע זענען לעבן געבליבן ווייסט ער נישט. גאַנצע נעכט ער זאָל זיצן, וועט ער נישט אויסשעפּן זיינע געשיכטעס.

אין דרויסן האָט אויפגעהערט רעגענען. די זון האָט אויפגעשיינט. יאָסקע איז נאָך נישט געווען אין דער היים. בתיה איז אַרויס אויפן באַלקאָן, געקוקט צי ער גייט. ווען ער וואָלט געווען אין וועג אַהער, וואָלט זי אים אַפילו פון גאָר ווייט דערזען...

יאָסקע

אַז יאָסקע איז דאָס מאָל אַריינגעקומען צו זיך אין דער וווינונג, האָט ער זיך געהאַלטן מיט דער האַנט ביים האַרץ. בתיה האָט דאָס באַלד באַמערקט. זי האָט געוווּסט וואָס דאָס באַדייט, איז זי אויפגעשפּרונגען פון פאָטעל, איז צו צו אים, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן:

— עס טוט דיר וויי? ברענגען די פּילן? — האָט זי שטיל געפרעגט.

ער האָט אָוועקגענומען די האַנט פון האַרץ און מיט איין באַוועגונג אַרויסגענומען די פּיל־פּעדער, וואָס האָט אים געשטעקט אין דער קעשענע פון רעקל, ווי וועלנדיק איר ווייזן אַז ער האָט גאָרנישט געמיינט עפּעס אַנדערש צו טאָן מיט דער האַנט. ער האָט זיך באַגריסט מיט פּנחסן, זיך געוווּנדערט וואָס ער איז נישט געקומען מיט חיהלען, זיין ניי אויסדער־ווייַלטער, ער האָט געמיינט, אַז ביז זיי וועלן זיך איינאָרדענען וועלן זיי זיין ביי אים.

פּנחס, וואָס האָט דערגרייכט יאָסקען ביזן אַקסל, האָט גלעטנדיק גוטברודעריש יאָסקעס האַנט, געזאָגט:

— איך וויל זיין אַ ליבער גאַסט, אָבער נישט קיין שווערער...

דעם אָוונט זענען יאָסקע און פּנחס געזעסן שעהן לאַנג אין די פאָטעלן, איינער צוגערוקט צום צווייטן, יאָסקע האָט אים דערציילט וועגן זיך, געהאַלטן אַז דערמיט וועט ער פּנחסן גרינגער מאַכן די חבלי־קליטה.

יאָסקע איז אָנגעקומען אין לאַנד אין יענעם יאָר, ווען ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום מיליטער. ער איז געווען אַ געזונטער, גוט געבויטער

בחור, אַ הויכער, אָבער נישט אַזוי דיק ווי היינט. געווען אַ שאָד ער זאָל די צייט פאַרטאָכלעווען אויף גאָרנישט — אַזאַ פאַרענטפער האָט ער פאַר זיך געהאַט.

דער פאָטער זיינער, משה־אהרן, אַ קלוגער ייד, האָט געהאַט אַ גרויסע שניט־קראָם און אַן אייגן הויז בירושה פון זיין פאָטער, געפירט גרויסע מסחרים מיט פאַבריקאַנטן פון לאָדזש, וואַרשע און איז אין זיין וואָלינער שטעטל געווען דער איינציקער צושטעלער פון סחורות פאַר די שניידערס. חוץ דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ שם מיט זיין שניט געוועלב, האָט ער געהאַט אַ נאָמען אַלס גרויסער נדבן. ער האָט געגעבן יעדער חברה אין זיין שטעטל: עזרת־חולים, תומכי־עניים, הכנסת־אורחים און בפרט האָט ער זיך באַשטייערט מיט גרויסע סומען פאַרן קרן קיימת לישראל, און אָפט האָט ער אָפּגעגעבן זיין שטוב אויף זיצונגען דער חברה חובבי־ציון, ווו ער איז געווען דער קאַסירער.

איינמאָל, שבת בייטאָג, נאָכן עסן, ווען עס איז ביי אים געווען די רויקסטע צייט און ער האָט געקענט אַ טראַכט טאָן וועגן משפחה־ענינים, האָט ער ליגנדיק אויף דער סאָפע געהאַט מיט זיך אַ וויכוח: — צוליב וואָס און פאַר וועמען זאָל זיין יאָסקע זיין אַ זעלנער? — יאָסקע איז, ברוך השם, אַ געזונטער, אַז ער וועט זיך שטעלן צו דער מיליטער־קאָמיסיע, וועלן זיי אים געבן „זדאָלני"... אויף באַקומען „ניע זדאָלני" — דאַרף ער אים מאַכן אַ חסרון: לאָזן פייפן אַן אויער, אָדער „מאַכן" אים אַ קורצן פוס. בקיצור — אָנרירן אַן אבר, אָדער געבן געלט. אַז יאָסקע וועט נישט גיין דינען, וועט די שטאָט אויסטייטשן, אַז ער איז אַ בעל־מום, און אויב נישט קיין בעל־מום — האָט מען זיכער געגעבן אַ מטמון מיט געלט. וועט מען אים גלייבן, אַז ער האָט נישט געגעבן קיין געלט, וועט מען נישט גלייבן, אַז ער האָט נישט קיין חסרון. וועט ער אויפווייזן, אַז ער האָט נישט געשטעקט אין יד אַריין, וועט מען נישט גלייבן, אַז ס׳יינגל איז געזונט. סוף־סוף האָט דער טאַטע דאָס דערציילט דער מאַמען, איר האָט ער מגלה־סוד געווען, אַז ער וויל אים, יאָסקען, אַוועקשיקן קיין ארץ־ישראל.

די מאַמע האָט דאָס דערהערט, האָט זי קודם־כל אָפּגעשוווירן — „מיינע שונאים זאָלן זיך נישט פרייען!״ איר אָריענטאַציע האָט איר אויפ־געוויזן, אַז אָן אים, אָן דעם יינגל, פאַרלירט זי חס וחלילה דעם נאָמען אירן... אַז די קרעמערקעס טרעפן זיך ביי אַ מאָטל און יאָסקע גייט פאַרביי, זאָגט איינע צו דער אַנדערער: „אָט איז יאָסקע ריוועס״ און די צווייטע באַשטעטיקט און זאָגט אויך: „יאָסקע ריוועס״. זאָל יאָסקע אַוועק, וועט מען ריוועס נאָמען נישט ברענגען אויף די ליפּן. אָן דעם יינגל וועט זי זיין אַ לעבעדיקע עקרה — רחמנא לצלן... זי האָט געהאַט אַן אַנדערן אויסוועג ווי אַזוי יאָסקע זאָל נישט גיין דינען: אַרויסנעמען אים אַ פּאַס אויף יואלקעס נאָמען ע״ה, וואָס איז געווען ייִנגער פון יאָסקען מיט גאַנצע פיר יאָר, אים צו לאַנגע יאָר, מען וועט זאָגן אַז עס איז געשען אַ טעות — מען האָט פאַרביטן די נעמען.

דער טאַטע האָט שוין אָבער געהאַט באַשלאָסן. ער האָט זיך גענומען אויספירן זיין פּלאַן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מכלומרשט מאַכן אַ רשימה פון סחורות, וואָס ער דאַרף איינקויפן אין לאָדזש און אָנגעזאָגט יאָסקען ער זאָל זיך גרייטן אין וועג אַריין. דער מאַמען האָט ער געזאָגט, אַז ער נעמט דאָס יינגל, ווייל ער וויל אים שוין אַריינפירן אין מסחר, כדי די מאַמע זאָל אים גלייבן, האָט ער איר געוויזן די בילעטן, וואָס ער האָט געקויפט. פאַרן גיין צו דער באַן האָט זי יאָסקען אָנגעטאָן אַ נייעם שאַל אַרום האַלדז. אַז יאָסקע איז מיטן טאַטן צוגעקומען צום וואָקזאַל האָט דער פאָטער פאַרקויפט די בילעטן און גענומען אַנדערע — קיין קראָקע. אין קראָקע האָט ער יאָסקען איבערגעגעבן אין זיכערע הענט, וואָס האָבן אים אַריבערגעפירט קיין רומעניע, ביז צום ים, און מיט חלוצים אויף אַ שיף האָט ער זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל.

אָנגעקומען קיין חיפה און אַראָפּ פון דער שיף, האָט יאָסקע זיך אָפּגעטיילט פון די חלוצים. ער האָט געהאַט פונעם טאַטן אַן אַדרעס צו זיינעם אַ ידיד — פייטל. דאָ איז ער געוואָרן אַ שטובן־מאָלער. אַ צייט לאַנג האָט יאָסקע זיך געלאָזט וואַלגערן מיט די געלטער וואָס דער טאַטע

האָט אים געשיקט. איינמאָל האָט דער טאַטע אים געשריבן, אַז שמחה־מאירלס, וואָס איז נישט לאַנג אין לאַנד, איז שוין אַ גאַנצער פאַרדינער, האָט יאָסקע פון דעם אַרויסגעדרינגען, אַז דער טאַטע וויל שוין פטרן דעם עול.

יאָסקע איז געווען אַ יינגל מיט אַמביציע, געוואָלט ווייזן דעם טאַטן, אַז ווען ער וויל קען ער זיך אויך אַליין אַן עצה געבן, האָט ער אָנגעבאָטן פייטלען, אַז ער וועט אים העלפן אין דער אַרבעט און וועט דערביי זיך אויסלערנען אַ פאַך. אָבער פייטל אַליין האָט נעבעך נישט געהאַט קיין „גאַנצע וואָכן", אָפט געזוכט אַרבעט ביי אַנדערע מלאכות. האָט יאָסקע פאַרקנייטשט אַן אייגל, וואָס איז געווען אין זיין טבע, ווען ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דעם וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו טאָן. דער ווילן צו אַרבעטן איז שוין ביי אים געווען צעפלאַמט. עס האָט געקעמפט אין אים די אַמביציע. צום בנין גיין האָט ער קיין חשק נישט געהאַט, אַ סוחר ווערן קען ער נישט, אַ משרת ביי אַ סוחר, — איז אים גאָר געווען דערווידער. פלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט אין די חלוצים, מיט וועלכע ער איז אַהער געקומען. אַ חרטה־געדאַנק האָט אים געמאַטערט — פאַרוואָס האָט ער זיך אָפּגעריסן פון זיי, מיט זיי וואָלט ער זיך נישט געפילט אַזוי איינזאַם.

איינמאָל, זיצנדיק אין אַרבעטער־רעסטאָראַן, האָבן זיך צו זיין טישל צוגעזעצט צוויי: איינער, מיט פולע בעקלעך, אַ קליינוווקסיקער, ברייטפּלייציקער. דער צווייטער, אַ הויכער, מיט דיקע ליפּן. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך:

— שפת־הים, שטאָט. עס גלוסט זיך נישט אַוועקצוגיין אין אַ דאָרף, — האָט דער ברייטפּלייציקער געזאָגט.

— אַדרבא, געפין עפּעס, גיי איך מיט דיר! — האָט דער צווייטער אויסגערופן.

— ס'איינציקע — גיין אין פּרדס.

— וואָלסט באַשלאָסן, אַז מיר גייען, וואָלט איך גענומען אַ גאַנצן מיטאָג, — האָט דער, מיט די דיקע ליפּן, געענטפערט.

אַז יאָסקע איז אַוועק פון דעם טיש, האָט ער חרטה באַקומען, וואָס ער איז נישט געבליבן. חרטה געהאַט פאַרוואָס ער האָט נישט פאַרגעשלאָגן זיי מיטצונעמען אים אַרבעטן אין פּרדס. ער איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג און זיך צוריקגעקערט, געוואָלט צוגיין צו זיי און פאַרפירן מיט זיי אַ שמועס. אים האָט פאַרדראָסן אויף זיך, וואָס ער האָט זיך גלייך נישט אָריענטירט — זיי וואָלטן אים מיטגענומען, — האָט ער עטלעכע מאָל פאַר זיך אַליין איבערגעחזרט. און ווידער — די חלוצים: פאַרוואָס איז ער דעמאָלט נישט געגאַנגען מיט זיי? — שוין דאָס וויפלטע מאָל דערמאָנט ער זיך אין זיי, אין דעם פאַרברענגען מיט זיי אויף דער שיף. לעזאזל!... נאָך וואָס זיך אָפּגעריסן פון זיי?

צומאָרגנס איז ער פאַרשלאָפן אין טאָג אַריין — אַ גוטן חלום געהאַט: אויף אַ לאַנגן שאָסיי געווען. אויף אַ באַרג אַרויפגעקומען. הייזלעך דערזען. ער איז געגאַנגען, האָט ער דאָרט געטראָפן די חלוצים. ער האָט קיינמאָל נישט איבערגעטראַכט וועגן אַ חלום, דאָס מאָל האָט ער געזוכט דווקא זיך פותר־חלום זיין. ער איז אַוועק אין רעסטאָראַן. צו אַ טישל זיך געוואָלט זעצן, האָט אים נפתלי, „דער גרויסער קאָפּ" — אַ חברה־מאַן פון שפת־הים, גערופן ער זאָל זיך זעצן ביי זיין טישל. נפתלי האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ „באַרגער" — וועמען ער האָט געטראָפן האָט ער אָנגע־שלאָגן אַ הלוואה — נישט צו געבן, נאָר צו נעמען. יאָסקע האָט מיט דער האַנט אים געוויזן, אַז ער זוכט עמעצן. ער האָט אים דערזען — „ער איז דאָ! „די עפּל־בעקלעך!" — אַ דרייסטקייט האָט זיך אין אים דערוועקט און ער איז צוגעגאַנגען:

— אייער חבר וועט קומען? — האָט ער אָן שהיות געפרעגט.

יענער האָט צעעפנט די אויגן, אויפגעבלאָזן די רונדע בעקלעך. יאָסקע האָט פאַרשטאַנען זיין וווּנדערן זיך:

— מיר זענען נעכטן געזעסן דאָ ביי דעם טישל!

— יאָ! דו ביסט עס געווען! איצט דערקען איך דיך. די ראָזעווע אויערן דיינע זענען אַ גוטער סימן דיך צו דערקענען. בינעם הייס איך. דו ביסט נישט קיין קאָלאָמייער?

— זוכסט דווקא קאָלאָמייער?

— קלמן, ווען דו האָסט נעכטן דאָ געזען מיט מיר, איז אַ האַלבער קאָלאָמייער: געבוירן אין ריישע און געוווינט אין קאָלאָמיי.

— אַז מען וויל קען איך הייסן אַ קאָלאָמייער: ווי ווייט איז דען צו קאָלאָמיי ווען מען פאָרט, ס׳ווענדט זיך מיט וואָס מען פאָרט!

— דו ביסט אַ חברה־מאַן! מיט דיר קען מען גיין אין מלחמה!

— כ׳וואָלט מיטגעגאַנגען מיט אייך אין פרדס. כ׳שטעל ביר מיט אַרבעס.

— קלמן וועט קומען גייען מיר צום שפת־הים. מיין פרענק דער־לאַנגט מיר אַרבעס, איז עס פלוימען. אָט איז ער שוין דאָ קלמן. עס לאַכט זיין אויבערשטע ליפּ — ס׳איז אַ גוטער סימן. מירן באַלד גיין צום שפת. האָסט געגוג גרייצערס? איך האָב ליב צו וויסן. שוין נישט איינמאָל האָבן חברה מיך געלאָזט אַליין ביים טישל צו צאָלן. זעסט, קלמנס אונטערשטע ליפּ רעדט שוין אויך. ער איז צופרידן. ס׳איז ווי איך זאָג דיר, אַ גוטער סימן.

קלמן איז נישט צוגעקומען, איז בינעם אַוועק צו אים. יאָסקע האָט שוין דאָס וויפלסטע מאָל געציילט די ציין ביים גאָפּל, איז אומרויק גע־וואָרן, אויפגעשטאַנען און אַוועק אויפזוכן בינעמען. ער האָט אים געטראָפן שוין אַרויסגיין פון רעסטאָראַן. בינעם איז ברוגז געווען אויף קלמנען, ווייל ער האָט זיך אָנגעדונגען צו אַן אַנדערער אַרבעט און אים נישט געוואָלט זאָגן צו וואָס פאַר אַן אַרבעט.

דעם טאָג איז יאָסקען געקומען אַ געדאַנק צו טרעפן זיך מיט שמחה־מאירלס. אין שטעטל האָט ער אַפילו זיך נישט געחברט מיט אים, אָבער וואָס עס איז אַמאָל נישט געווען — קען היינט יאָ זיין. אַז ער איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן: וואָס לויף איך? —

„שמחה־מאירלס וועט שרייבן אַהיים, אַז ער האָט יאָסקע ריוועס געשטעלט אויף די פיס...״ עס וועט דערגיין צום טאַטן, אַז ער, יאָסקע אַליין, האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן! האָט ער פאַרקנייטשט אַן אייגל און נישט געגאַנגען צו שמחה־מאירלס. ער האָט נאָך געטראָפן בינעמען זיך שלאָג־דערן ביים שפת און האָט אים פאַרגעשלאָגן:

— מירן אַליין צושפּאַנען אין פרדס!

*

פינפאונצוואַנציק „טעלערלעך״ אַרום די מאַראַנצןביימלעך האָט יאָסקע געגראָבן אין איין טאָג און איז נישט מיד געוואָרן. בינעם האָט נישט גערעדט, נאָר אין די אַראָפּגעלאָזטע בעקלעך האָט יאָסקע באַמערקט אַן אָנשטרענגונג. אַנדערע, וואָס האָבן געאַרבעט אין איין ריי מיט יאָסקען, האָבן אָפּט פון פאַרמאַטערקייט פאַרגלייזט די אויגן. דער פרדסן מיט דער לולקע אין מויל האָט זיי געצהט צו זינגען, וועט די אַרבעט גיין בעסער און שנעלער... און אַז זיי האָבן דאָך געשוויגן, האָט ער אַליין געזונגען, אימפּראָ־וויזירנדיק: „טעלערלעך, טעלערלעך טיפע, ס׳זאָלן וואַקסן פרות זיסע...״

נאָך עטלעכע טעג האָט דער פרדסן פאַרגעלייגט אַקאָרד אַרבעט. ער האָט אָוועקגעלייגט אויף אַ באַשטימטן אָרט אַ פּעקל כאַלווע און ווער עס וועט פריער צוקומען צום אָרט, וועט עס באַקומען אַלס פּריז. נישט ווייט פון דעם פרדס האָט מען געבויט אַ שאָסיי. חברה האָבן זיך געכאַפּט צו דער אַרבעט אויפן שאָסיי. יאָסקע איז זיי נאָך. איינמאָל, פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, ווען די אַרבעט האָט זיך געענדיקט, זענען חברה אַוועק אין קיבוץ. יאָסקען האָט עפּעס געצויגן אַהין. אויפן פּלאַץ, פאַרן חדר־האוכל, האָט ער געטראָפן די חלוצים, מיט וועלכע ער האָט עולה געווען. זיי זענען נאָך געווען אין פאַרשמירטע העמדלעך, מיט פאַריסטע הענט פון שטויב און שווייס. זיי האָבן זיך מיט אים דערפרייט, זיך דערמאָנט פריילעכע עפּיזאָדן פון דער רייזע אויף דער שיף. אין אָוונט, נאָכן אָרעמען מאָלצייט, זענען טייל אַוועק שמירה־האַלטן. אין חדר־האוכל איז פריילעך געווען, מען האָט געזונגען, געטאַנצט האַראַס. יאָסקע האָט מיטגעטאַנצט.

דעם שבת האָט יאָסקע פאַרבראַכט מיט די חלוצים אין קיבוץ. בייטאָג אַרומגעקוקט דעם הויף, איבערגעהילכט מיט געלעכטער דאָס קוואַקעריי פון די עופות, געפאָרן מיט אַ טראַקטאָר אין פעלד, געשפילט אין פוטבאָל, מיטגעגאַנגען הערן אַ רעפעראַט.

ער איז געבליבן אין קיבוץ. געגאַנגען אַרבעטן אין פרדס. מען האָט אים נישט געדאַרפן מוטיקן צו זינגען. עס האָט זיך אַליין געזונגען. נאָר איין מאָל איז ער צוריקגעקומען פון דער אַרבעט און זיך גלייך געלייגט אויפן בעטל, צוגעדעקט זיך מיט עטלעכע קאָצן איבערן קאָפּ, ס׳איז אים געווען קאַלט און הייס, ס׳האָט אים געוואָרפן. ער האָט געגליט. מען האָט אים געטרייסט: ס׳איז גאָרנישט, ס׳האָט אים „בלויז" געכאַפּט דאָס קדחת — און געגעבן אים געלע פילן צו שלינגען.

יאָסקע האָט אַ צייט נישט געשריבן אַהיים. דאַן איז פייטל געקומען אין קיבוץ אַריין מיט אַ קאַרטל: „דער טאַטע איז געקומען!" — אין שטאָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פייטל האָט אים אָפּגענאַרט. יאָסקע האָט געוואָלט צוריקלויפן אין קיבוץ, אָבער פייטל האָט אין אים אַריינגערעדט:

— ווילסט אַרבעטן, איז אדרבא. איך וועל דיך אויסלערנען מיין פאַך. שיין מאַכן הייזער איז אויך חלוציזם...

— איך קאָן נישט אַראָפּקוקן פון דער הייך. דער קאָפּ מישט זיך מיר.

— וועסטו מאָלן אין דערנידער.

די ערשטע צייט האָט יאָסקע געטראָגן פאַר פייטלען די לייטער, דעם עמער צו שטעלן די פאַרב. פייטל האָט אים געגעבן אַלץ אַזעלכע אַרבעטן, וואָס עס איז נישט וויכטיק געווען ווי אַזוי די אַרבעט וועט אַרויסקומען.

צו די יום־טובים איז פייטלען צוגעפאַלן אַ סך אַרבעט אין פריוואַטע וווינונגען. יאָסקע האָט באַקומען אויסצומאָלן די וווינונג פון דער משפחה לער. און דאָ... דאָ האָט בתיה זיך אָנגערופן: — „די טייל וויל איך דערציילן!" אָבער יאָסקע איז נישט באַשטאַנען, — „פרויען האָבן אַ טבע איבערצוהיפּן!" — האָט ער געזאָגט אין שפּאַס, און זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים האַרץ. עס האָט אים אַ קלעם געטאָן.

ב ת י ה

...„מצא אשה מצא טוב...״ (האָסט געפונען אַ ווייב, האָסט געפונען גוטס) — האָט יאָסקע אָנגעהויבן דערציילן וועגן איר.

— זי איז געווען אַ שיינע.

— נאָך היינט שיין, — האָט פנחס באַמערקט.

בתיה איז געווען ייִנגער פון יאָסקען מיט עטלעכע יאָר. די לעצטע יאָרן איז זי אין זייער שטעטל, אין קאָנגרעס פוילן, געווען טעטיק אין ציוניסטישן פאַריין. זי פלעגט מיטגיין מיט דעלעגאַציעס צו דער באַן אָפּ־וואַרטן רעדנער פון וואַרשע, מיטהעלפן ביים אָרגאַניזירן רעפעראַטן, פאַר־זאַמלונגען א. א. וו. אַ דאַנק איר ענערגיע און יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט האָט זי געהאַט דרייסטקייט צו קומען אויף אַלע חתונות און ווערן די טיכ־טיקסטע געלט־זאַמלערין פאַרן קרן־הקימת. זי האָט געשטרעבט צו זיין אין ארץ־ישראל.

בתיה׳ס פאָטער, אייזיק לער, האָט געהאַט אַ ווייַן געשעפט, איז געשאַצט געווען פאַר אַ פאַרמעגלעכן סוחר. ער האָט נישט געטראַכט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. עס איז אָבער אָנגעקומען אַ יאָר, ווען אין מסחר איז שווער געוואָרן, דער שטייער־אַמט האָט אַרויפגעלייגט אויף אים גרויסע שטייערן, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן דאָס פּעקל און עולה זיין. אַז בתיה מיט דער מאַמען זענען געקומען צו אים, האָט ער שוין געהאַט פאַר זיי צוגעגרייט אַ דירה.

צו די יום־טובים האָבן זיי באַשלאָסן אויפצופרישן די וווינונג. פייטל האָט אָנגענומען די אַרבעט און אים, יאָסקען, איבערגעלאָזט דאָס אויסמאָלן אויף אייגענער אחריות.

יאָסקע איז געשטאַנען אויפן העכסטן לייטער־שטאַפּל און מיטן פּענדזל געשמירט דעם סופיט. ער איז נאָך נישט צוגעוווינט געווען צו האַלטן לאַנג די הענט אין דער הויך, אָפּט האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, האָט ער יעדעס מאָל, ביים איבעררוקן די לייטער, זיך אָפּגערוט.

בתיה איז אָפּט אַריינגעקומען אַ קוק טאָן ווי ער האַלט מיטן מאָלן. זי האָט אויסגעלייגט פּאַפּירן אויף די מעבל־שטיק, כדי זיי זאָלן נישט פאַר־שפּריצט ווערן פון קאַלך.

אַז יאָסקע האָט זי דערזען, האָט ער אויפגעהערט פלאַסקן מיטן פּענדזל. ער האָט נאָכגעקוקט אירע פלינקע באַוועגונגען. אירע קליינע הענטלעך האָט ער אין געדאַנק פאַרגליכן צו טויבן־פליגל. ער האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און פאַרפּירט מיט איר אַ שמועס. ער האָט איר דערציילט וועגן זיין עולה זיין, אַז דאָס לאַנד איז אים שוין אַזוי אייגן, ווי ער וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן.

אויך בתיה האָט אים דערציילט ווי אַזוי זי איז געקומען, און אַז ווען די עלטערן וואָלטן נישט עולה געווען, וואָלט זי סוף־סוף איינע אַליין געפאָרן.

במשך פון דער אַרבעט אין דעם הויז איז בתיה אים אַלץ נענטער און היימישער געוואָרן. ער האָט שוין געוווּסט ווען זי גייט שפּאַצירן. איר באַליבטער שפּאַציר איז ביים שפת־הים. זיין בליק האָט נאָכגעפאָלגט אירע ווייסע, פולכבע הענטלעך און ער האָט זיי אין געדאַנק געצערטלט. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט נישט שפּריצן קיין קאַלך און נישט מאַכן איר קיין איבעריקע אַרבעט. ווען זי פלעגט זיך באַווייזן פלעגט ער פאַרלירן דעם כוח אין די הענט און זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט ווענדן אויף איר. טעג און נעכט האָט ער אין דער מחשבה געקושט דאָס שמאַלע מיילעכל אירס. בתיה האָט אים שפּעטער מודה געווען, אַז זי האָט עס געפילט, נאָר זי האָט געוואָלט אים אַ ביסל לאָזן צאַפּלען... אַז זי האָט אים געטראָפן זיך אָפּרוען, האָט זי גערעדט מיט פאַרוואורף:

— יאָסקע זיצט! אַזוי אַרבעטן, וועט איר קיינמאָל נישט פאַרטיק ווערן.

— מיר איז גוט אַזוי.

— ס׳קאַלכן נאָך אפילו נישט געענדיקט, און ס׳זענען נאָך דאָ טירן־פענצטער צו מאָלן!

— וועט מיר לאַנג גוט זיין...

— מיט וואָס?

— וואָס כ׳וועל בתיה׳ן זען.

בתיה׳ס פנימל איז אין רויטקייט פאַרלאָפן און מיט איין שפרונג איז זי אַרויס פון צימער. נאָך עטלעכע מינוטן איז זי אַריינגעקומען מיט דער מאַמען. די מאַמע האָט מיט אירע בלאַסע פינגער זיך געווישט די ליפּן:

— ווי לאַנג מיינט יאָסקע וועט נאָך דויערן דאָס קאַלכן?

— אַזוי לאַנג, ביז עס וועט זיין אויסגעקאַלכט.

— יאָסקע אַרבעט נישט.

— וואָס דען טו איך?

— מען זעט דאָך, עס מאַכט זיך נישט.

יאָסקעס מחשבה האָט געוועבט איין פאָדעם — געווינען בתיה׳ן. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומעט. יענעם אָוונט האָט ער אויסגעמיטן צו זען זיך מיט חברה ביים שפת־הים. ער האָט זיי געזען פריילעכע, מער ווי אַלע־מאָל. זיי האָבן געפילדערט, געגעסן פלפל, זיך געוואָרפן מיט ווערטלעך, זיך דערציילט פאַסירונגען, איינער האָט געלאַכט העכער פון צווייטן. ער האָט זיך אָבער פאַר זיי נישט געוויזן — דווקא געוואָלט זיין אַליין. ער האָט געטראַכט צו זאָגן בתיה׳ן וועגן זיין בענקשאַפט צו איר. ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים אָוועקרייסן פון דער מחשבה, דערפאַר געוואָלט קומען אין שטוב ווען פייטל וועט שוין שלאָפן, אָבער פייטל האָט דווקא געוואַרט אויף אים.

— ווי אַזוי אַרבעט זיך, יאָסקע? דאַרף איך קומען צוהעלפן דיר? —

האָט פּייטל מיט זײַן טרוקן קול געפרעגט און געדרייט דערביי אַן אויער־לעפל.

— איך בין שוין אַרויס פון אַלע שוועריקייטן, — האָט יאָסקע שנעל פאַרזיכערט.

פּייטל האָט שוין מער נישט געפרעגט, נאָר יאָסקע האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט, אַז ער וועט קומען זען די אַרבעט, האָט ער, ווי אונטערצוּ־שטרייכן די פאַרזיכערונג, צוגעגעבן, און אין אַזאַ טאָן, אַז עס זאָל פּייטלען נישט איינפאַלן עפּעס אַנדערש:

— פּייטל, מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר!

צומאָרגנס איז יאָסקע געקומען צו די לער׳ס קאַלכן דעם צווייטן צימער. בתיה איז געווען אין דער היים. ער האָט געמיינט, אַז זי וועט אַריינקומען און געוואָרט מיטן אָנהויבן, אָבער זי האָט זיך נישט געוויזן. ער האָט גענומען קאַלכן, און פון פאַרדרוס, וואָס בתיה קומט נישט אַריין, האָט ער געפּאַטשט מיטן פּענדזל אַזוי אומגעלומפּערט, אַז עס זאָל אַלץ, וואָס עס שטייט אין צימער פאַרשמירט ווערן פון דעם קאַלך.

בתיה איז אַריינגעקומען. ווי זי האָט דערזען דעם מושב, האָט זי זיך געכאַפּט מיט די הענט פאַר די באַקן און אַ געשריי געטאָן:

— י — אָ — ס — ק — ע!

פון איבעררַאַשונג איז ער שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון דער לייטער. ער האָט געוואָלט עס זאָל עפּעס מיט אים געשען. אַז זי זאָל מוזן אים מונטערן, אַ גלעט טאָן. ער איז אַראָפּ פון דער לייטער, אָנגענומען מוט, צוגעגאַנגען צו איר, אָנגעכאַפּט זי פאַר די הענט:

— כ׳וועל צושטעלן אַ ריינע שטוב! — האָט ער געזאָגט.

דאָס מיידל האָט אַרויסגעריסן אירע הענט פון זיינע, איז אָפּגעשפּרונגען און מיט שטרענגקייט געזאָגט:

— יאָסקע, ענדיקט דאָס קאַלכן, און אַן עק!

די מוטער האָט געהערט בתיה׳ס הויך רעדן, איז זי אַריינגעקומען. זי האָט געקוקט אויף זיי ביידע, פאַרשלייפט די הענט, ווי עס וואָלט איר

עפּעס אַ קלעמונג אָנגעכאַפּט. זי האָט אָבער באַלד אָנגענומען אַ שטרענגע פּאָזע און געזאָגט:

יאָסקע זיצט מער ווי ער אַרבעט!

— יעדער טוט ווי אים איז באַקוועם און גוט!

— מען וועט מוזן רעדן מיט פּייטלען! — האָט זי אויסגערופן, גענומען בתיה׳ן און אַוועק מיט איר אין קיך אַריין.

אַז עס איז געקומען דער טאָג ווען יאָסקע איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן קאַלכן, איז צו אים צוגעקומען אייזיק לער, בתיה׳ס פֿאָטער, און אים דערקלערט:

— איך האָב גערעכנט, אַז ס׳אויספּרישן די וווינונג וועט פֿאַרנעמען אַ טאָג — צוויי, אָבער אַז עס מוז דויערן וואָכן, וועל איך רעזיגנירן פֿון מאָלן טירן־פֿענצטער.

— ס׳הייסט?

— דאָס וואָס דו הערסט. קענסט צונעמען די לייטער.

— ס׳איז דאָך אָפּגערעדט מאָלן אויך טירן־פֿענצטער!

— גענוג, מ׳דאַרף שוין אין אָרדענונג ברענגען די שטוב.

דער דורכפֿאַל האָט יאָסקען שטאַרק געקרענקט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז בתיה׳ס ווילן. ער האָט אָבער נישט געפֿונען קיין תּירוץ פֿאַר פּייטלען צו דערקלערן, פֿאַר וואָס מ׳נעמט פֿון אים צו די אַרבעט — אַלץ געמאַכט ווי ס׳געהער צו זיין און דאָך... „ע׳רט נישט צונעמען די לייטער. ר׳וועט זאָגן, אַז ער פֿילט זיך נישט גוט — ס׳קדחת. ער איז געווען צעטומלט. ער איז געגאַנגען פֿון איין צימער אין צווייטן, געזוכט בתיה׳ן — ע׳רט נישט דערשטיקן די געפֿילן וואָס לעבן אין אים זינט ער האָט זי דערזען — זאָל זי וויסן!..."

בעת׳ן וויכוח מיט זיך האָבן יאָסקען זיך געפּלאָנטערט אין מוח פּייטלס פֿראַגן, וואָס ער וועט פֿרעגן: — „ס׳טייטש אין מיטן דערינען!?" פֿאַרוואָס נישט אָנגעהויבן שמירן און סתם אָפּגעלאָזט!?" עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַ ווירדיקייט. ער איז צוגעפֿאַלן צו די שמיר־כלים, זיי צעשפּרייט

איבער דעם צימער און אַרויסגעלאָפן. אויף די טרעפּ געטראָפן בתיה׳ן. ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— איך וועל היינט זיין ביים שפּת, — האָט ער געזאָגט און אַוועק.

*

צוויי טעג האָט אייזיק לער געזוכט אַ מאָלער אויף צו פאַרענדיקן דעם רעמאָנט אין דער וווינונג. אין די טעג האָט בתיה זיך געפּוילט צו טאָן עפּעס פאַר דער ווירטשאַפט, נישט צוגעהאָלפן דער מאַמען. עס האָט איר באַנק געטאָן, וואָס זי האָט דערפירט, אַז יאָסקע זאָל נישט אַרבעטן. זי האָט אָפט באַקוקט די לייטער, ווו ער פלעגט שטיין און קאַלכן; באַטראַכט דעם פּענדזול, מיט וועלכן ער האָט זיך באַמיט נישט צו שפּריצן, כדי איינצו־ברענגען איר אַרבעט ביים רוימען. ווען דער פאָטער האָט גענומען די לייטער אַרויסצושטעלן פון הויז — ס׳זאָל דער צווייטער מאָלער נישט מורא האָבן צוליבן ערשטן אָנצונעמען די אַרבעט, — איז בתיה נאָכגעגאַנגען, געקוקט ווו ער שטעלט אַוועק די לייטער, פּונקט ווי זי פלעגט אַמאָל, אַלס קינד, נאָכקוקן ווו מען באַהאַלט דאָס שפּילצייג, וואָס מען האָט איר צוגענומען.

איין טאָג האָבן בתיה מיט דער מאַמען זיך געשטעלט פאַרן טאַטן:

— יאָסקע האָט געאַרבעט לאַנגזאַם, אָבער ערלעך. ער האָט דאָך אַלץ גוט געמאַכט. רוף אים צוריק. פייטל האָט דאָך אַ שם פאַר אַ גוטן בעל מלאכה.

— דער טאַטע האָט צוערשט פאַרבויגן דאָס רעכטע אויג, דערנאָך דאָס לינקע, זיך פאַרקרימט:

— ע—ה! צוריקרופן! פייטל וועט זיך הייסן באַצאָלן פאַר צער און בושה!

— איך וועל גיין! — האָט בתיה אויסגערופן און מיט אַ פאַרריסן קעפּל געוואַרט ער זאָל מסכים זיין.

— דו האָסט דאָך אַליין אַזוי געוואָלט, בתיה!?

— געמיינט צו וואָרענען אים ער זאָל טאָן שנעלער.

ווען דער טאַטע איז אַוועק, ער האָט נאָך אפילו נישט געזאָגט צי ער גייט צו פייטלען, האָט בתיה שוין גענומען אַריינטראָגן צוריק אין צימער אַריין דעם קאַלך־עמער, די פּענדזלעך, דאָס שאַכטל פאַרבן און האָט אויך אַריינגעשלעפּט די לייטער — יאָסקע זאָל נישט דערקענען, אַז מען האָט זי אַרויסגעשטעלט.

מאָנטיק האָט פייטל נישט געלאָזט יאָסקען גיין צו די לער׳ס. ער האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף אים גוט בעטן. עס איז פאַר יום־טוב, און איצט איז זיין צייט צו זיין אַ ביסל אַ יחסן. אויף צו מאָרגנס איז יאָסקע אַוועק, נישט פרעגנדיק ביי פייטלען.

דאָס מאָל האָט ער געאַרבעט מיט אימפּעט. אַז בתיה איז אַריינגעקומען האָט ער מיט נאָך מער פליים געשמירט, זיך געמאַכט נישט זען זי.

— יאָסקע האָט שוין אַ סך אָפּגעטאָן, ס׳איז נישט צו שנעל? ס׳וועט דען גוט זיין אַזוי, יאָסקע?

— כ׳האָב געאַרבעט לאַנגזאַם, האָט נישט געטויגט. אַרבעט איך שנעלער, ס׳זאָל יאָ טויגן.

— יאָסקע איז נעכטן געווען ביים שפּת?

— ביך געווען אויף אַ רעפּעראַט.

— איך בין געווען.

— כ׳וואָלט געוווסט... האָט יאָסקע צאַפּלדיק געזאָגט און געריבן מיטן פּענדזל, כדי בתיה זאָל נישט דערקענען אַז די האַנט ציטערט אים, אָבער דער פּענדזל איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.

בתיה האָט אַ שפּרונג געטאָן אים אויפצוהויבן.

— כ׳וועל אַליין, אירט זיך איינשמירן, — האָט יאָסקע זי געוואָרנט און איז אַראָפּ פון דער לייטער.

בתיה האָט מיט צוויי פינגער געהאַלטן דעם פּענדזל, ווי עפּעס אַן איידעלע זאַך.

יאָסקעס בליק איז געווען ווי צוגעשמידט צו איר האַנט און אין דער מחשבה האָט ער זי שוין געצערטלט.

*

פאַרנאַכט האָט די היץ נאָך געשלאָגן מיט דעמפּקייט. אויף די טראָ־טואַרן ביים שפת־הים — אַ געדראַנג פון שפּאַצירנדיקע, אַ גערויש, גע־פילדער. יאָסקע גייט מיט בתיה׳ן. זיי האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין דער באַריערע איינצוקוקן אין ים, און געקוקט זיך אין די אויגן. זיי זענען אַוועק פון דעם גערויש, געזוכט אַ שטיל ווינקל — צו זיין מיט זיך אַליין. — —

מיט אָפענע אויגן

יאָסקע האָט שוין געוווּסט, אַז „אַנגינאַ־פּעקטאָריס" איז זיין קרענק. דאָס הייל־מיטל — „ניטראָגליצערין". אַז מען היט זיך אויס, — האָט ער זיך געזאָגט — קאָן מען אויסלעבן די יאָרן. מען דאַרף וויסן פון וואָס זיך אויסצוהיטן. דער דרוק הויבט זיך אָן אין ברוסט־קאַסטן און ער צעשפּרייט זיך אונטער די אָרעמס. שפּעטער קומט דער ווייטיק אַריין אין רוקן, צווישן די אַקסלען, און נידער אַראָפּ אונטערן לינקן אָרעם. אַז דער דרוק איז אַ שווערער — איז געענדיקט... אָט האָט ער עס געזען היינט: דער מענטש איז געגאַנגען לאַנגזאַם, מיושבדיק, מיטאַמאָל האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפן טראָטואַר, בין רגע אויסגעצויגן די פיס, אַוועקגעפאַלן און כאָרכלענדיק געבלעזלט די ליפּן אין איין ריכטונג — אַרויס, אַרויס. אויסהויכנדיק פון זיך דאָס חיות. מענטשן האָבן מורא געהאַט זיך צוצורירן, טאָמער וועט מען אים גורם זיין שלעכטס. מען איז געלאָפן קלינגען אין רויטן „מגן־דוד". עס איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָבוס מיט פּאַסאַזשירן. דער שאָפער האָט געשריגן: — „דעם געפאַלענעם נישט רירן! איך קען אים — אַן עפּילעפּטיקער!" עס איז אָנגעקומען די פרוי פון דעם מאַן, און דאָ האָט מען זיך דערוווּסט אַז איר מאַן איז אַ האַרץ־קראַנקער — „אַנגינאַ־פּעקטאָריס"! עס איז אָנגעקומען אַ דאָקטאָר. ער האָט בלויז פעסטגעשטעלט: „הוא גמור"... (ער איז געענדיקט...)

ער קען נישט פאַרגעסן, יאָסקע, די סצענע. דער מענטש איז געפאַלן און מאָמענטאַל פאַרמאַכט די אויגן. אָט אַזוי קאָן עס געשען אויך מיט אים. ער וועט פאַרמאַכן די אויגן און יעדער וועט זיך זאָגן זיין מיינונג...

דעם טאָג איז יאָסקע געווען ביי זיין דאָקטאָר. ער איז אַריין צו אים אין קאַבינעט שוין דער לעצטער. ער האָט ספּעציעל אָפּגעוואַרט די צייט, כדי צו קענען זיך אויסשמועסן מיטן דאָקטאָר וועגן יעדן פּרט פון דער קרענק זיינער.

און אפשר קאָן מען אויך שלאָפן מיט אָפענע אויגן?

געזען אילת

ס׳אַריינטראַכטן וועגן דער קרענק האָט יאָסקען געבראַכט צום אויס־פיר, אַז זיין לעבן איז אים געוואָרן קורץ און ער דאַרף אַריינכאַפּן וואָס עס לאָזט זיך. אויסנוצן די צייט — זען ס׳לאַנד! הגם ער קען עס פון באַשרייבונגען, אָבער ווי זאָגט זיך: „וואָס דו זעסט נישט מיט די אויגן, וועט דער דמיון נישט מאָלן...״ מיט פּנחסן וועט ער דאָס טאָן. פּנחס איז אַ גע־לעגנהייט, אַז עס זאָל נישט אויסזען משונה זיין פּלוצעמדיקער באַשלוס אַ לעב צו טאָן״.

*

— אַמאָליקע יאָרן, ווען עס זענען נאָך נישט געווען קיין עראָפּלאַנען, אויב מען פלעגט זאָגן: „כ׳וועל אַ פלי־טאָן!״ — איז דאָס געווען מליצה אויף אונטערצושטרייכן געשווינדקייט. אַ דאַנק דעם עראָפּלאַן האָט דער אויסדרוק באַקומען אַ ממשותדיקן באַטייט: פליען הייסט טאַקע ממש פליען — היינט קיין אייראָפּע, מאָרגן קיין אַפריקע, אָדער אַמעריקע.

— אילת — אונדזער דרומדיק פענצטער צו אַזיע — איז שוין אַ שטיק פון דער נייער היסטאָריע אונדזערער, — האָט יאָסקע געזאָגט צו פּנחסן. — איך בין נאָך ביז איצט נישט געפלויגן. עפּעס נישט געהאַט די נייגונג צו קוקן אויף מענטשן פון אויבן אַראָפּ, אָבער זען דעם ים־סוף — ציט מיך!

*

...פלי־באַזע. אַ גרויס פעלד, עטלעכע קילאָמעטער, איינגעטיילט סי־מעטריש אין באַזעס פאַר יעדן עראָפּלאַן. אַט שטייט אַן עראָפּלאַן, ווי אַן

אָדלער, אַ „יחסן״ מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ, נעמט אָן גאַלאָנען ברענמאַ־טעריאַל, גרייט זיך אויפצוהייבן צו די הימלען. אין באַגלאָזטן טורעמל, פון וואַנען ס׳זעט זיך דער גאַנצער אַרום, געפינען זיך די רעגוליר־אַפּאַראַטן באַהאַנגענע מיט שנורן און רעדלעך. פון דאַנען רעגירט מען מיטן פליער ווו, אין וועלכער ריכטונג ער זאָל זיך אויפהייבן, ווו אַ צווייטער זאָל זיך אַראָפּלאָזן. עראָפּלאַנען קומען צו פליען, אַנדערע פליען אָפּ. די עראָפּלאַנען ווערן געפּוצט אין די וואַרשטאַטן, ס׳ווערן אויסגעגלעט זייערע פנימער, אויסגעפּרווט יעדעס שרייפל.

דער עראָפּלאַן קיין אילת איז שוין גרייט. עס גייען אַרויס די מעכאַניקער. עס ווערן צוגעשטעלט טרעפּ.

די אויסגעבעטע זיץ־ערטער זענען באַזאָרגט מיט פּאַסקעס פאַר יעדן פּאַסאַזשיר. יאָסקע און פנחס קוקן זיך איבער: „הלמאי דער פּאַסעק? — מסתמא איז פאַרט פאַראַן אַ סכנה...

די מאָטאָרן רוישן. די גומי־רעדער באַוועגן זיך געשווינדט איבערן זאַמד. די פיס פילן נאָך די ערד, דער מאָטאָר־גערויש ווערט שטאַרקער. דער „אָדלער״ הויבט זיך און פלוצים דערפילט מען ווי די פיס „רייסן״ זיך אָפּ פונעם באָדן. די פּאַסאַזשירן דריקן צו זייערע פנימער צום פענצטער־גלאָז: הייזער אוןביימער פאַרשווינדן, גרויסע שטעט ווערן קליין, קליינע ישובים — ווי פלעקן. די שאָסייען און וועגן ציען זיך ווי שמאָלע פעדעם, ווי שטריך־ליניעס אויף דער מאַפּע; די וואָלקנס — געדיכטע בערג, ווי פּיראַמידן מיט אויסשניצונגען.

די פּאַסאַזשירן רעדן נישט. יאָסקע קוקט אויף פנחסן — הלמאי ער רעדט נישט? און ער אַליין איז אויך פאַרנומען מיטן געדאַנק וועגן זיין ערשטן פלי. ווען נישט דער ווילן צו זען דעם ים־סוף, אילת, ווייס ער נישט צי ער וואָלט זיך געלאָזט אין אַזאַ שנעלן לויף! עס איז דאָך אַן אָנשטרענגונג וואָס ער טאָר נישט, וואָס ער טאָר נישט!...

*

אילת! — וויפל אויגן דאַרף אַ מענטש אויף צו זען אילת — אַ וועלט פון זון, ים און בערג? יעדער באַרג פון אַן אַנדערן קאָליר. רויטלעך ווי קופּער, געלבלעך ווי מעש, פינקלדיק ווי גלאָז און אָדערדיק ווי מאַרמאָר. ריזיקע ברייטע בערג, וואָס דערציילן געשיכטע, שפּיגלען זיך אָפּ אינעם בלויען דורכזיכטיקן ים־סוף. שיפן זיך יאָסקע און פּנחס אויף אַ שיפל מיט אַ גלאָז־דנאָ און קוקן זיך איין אין די באַשעפענישן פון די ים־טיפענישן, אין פיש פאַרשידנפאַרביקע, אין געוויקסן וואָס פּוישן זיך אָן און קורטשן זיך. יאָסקע לאַכט, דערמאָנענדיק זיך, אַז בתיה האָט מורא געהאַט פאַר זיין פליען אַהער באשר דער היץ! עס איז נישט אַזוי. אַלץ לאַכט דאָ. די הייזער לאַכן אין ים־סוף אַריין; די פּלאַזשע — דער גאָלדענער טעפּיך — צום לויטערן הימל. פון דער צווייטער זייט, קוקט אַרויס פונעם נעפּל דער עקבה־פאָרט. ערגעץ, נישט ווייט פון דאַנען, דאַרפן זיך געפינען די קופּער־גרובן פון שלמה־המלכס צייטן און דערנעבן — אַ ריזיקער פעלדז — דער דענקמאָל פאַר די געפאַלענע יידישע העלדן אין קאַמף פאַר באַפרייונג. אַ „בערגל נייע היסטאָריע" אַרום דעם מלוכה־הויז, און אין שפּיץ פלאַטערט די בלוי־ווייסע פאָן.

די בערג אין גליל

— ווען בערג און טאָלן איז תמיד דאָ אַ סך מעשיות צו דערציילן; אויף בערג האָט מען געפירט גרויסע קאַמפן, אין טאָלן פלעגן חיילות לויערן אויף דעם שונא, כדי אים איבערצופאַלן, אָבער קיינע בערג און טאָלן אויף דער וועלט זענען נישט פאַרבונדן אַזוי פיל מיט דער געשיכטע, ווי די בערג פון גליל. זיי דערציילן אונדז פון יהושעס צייטן, פון דעם יידישן קריג מיט די רוימער, און אויך פון דעם לעצטן קריג פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון מדינת־ישראל. אויף אָט די בערג און אין די טאָלן בליט דאָס חלוציש לעבן. מיט חלוצישע הענט זענען געפלאַסטערט די אויטאָסטראַדעס, וואָס שלענגלען זיך ווי סערפּענטין־לענטעס באַרג־אַרויף, קרוב טויזנט מעטער איבערן ים־פלאַך.

ביז טויזנט מעטער, אַן ערך, ציט זיך אַן אַליי־וועג פון זיתים־ביימער. אַרום־און־אַרום, ביז אין די אומענדלעכע ווייטן, זעט מען הייזער; קליינע און גרויסע, שיפע און פלאַכדעכיקע; מויערן, מויער איבער מויער. שוין פון דער ווייטנס טיילן זיך אויס קאָנטורן פון שטאָט צפת און דעם הר־כנען. אַנטקעגנאיבער — אַ פאַרק: „אַ באַרג־מצודה” — די פעסטונג פון די העלדישע פאַרטיידיקער פון „פלמ”ח און צ. ה. ל. יעדער שטיין — אַ זייל אין דער פאַרטיידיקונג פון צפת. פון דאַנען אַנטפּלעקט זיך פאַרן אויג דער ים־כנרת אויפן פאָן פון דעם קרוב צוויי טויזנט מעטערדיקן באַרג „חרמון” מיט זיין שניי־שפּיץ.

אויף דער פלאַך פון די בערג, איבער שרויפיקע וועגן, שלענגלען זיך אויטאָס, אַרויף צו די הויכן... פון איין זייט, פעלדזיקע ווענט און, פון

דער צווייטער זייט, גרינגראָזיקע טאָלן און הייזלעך איינגעהילט אין גרינס, וואָס פינקלען פאַר די אויגן ווי בינשטאָקן־קעסטלעך. עס שפּיגלען זיך וואַסערן אין קוואַדראַטן, ווי שפּעקטן, וואָס זייערע פלאַנצונגען זענען איבערגעדעקט מיט גלאָז. — ס׳זעען זיך סאַזשלקעס פאַר פיש־צוכט פון די ישובים־קיבוצים „דן" און „דפנה" — געוועזענע סטראַטעגישע פונקטן, מיט דער פעסטונג „נבי־יושע" אויפן שפּיץ באַרג — אַ הויכע געביידע מיט פענצטער פון אַלע זייטן. די פעסטונג הערשט איבערן גאַנצן גרענעץ־פאַס, וואָס ציט זיך איבער באַרג און טאָל. אויך דאָ האָבן חברה „פלמ״ח" געקעמפט מעט עקשנות. דער שונא איז שוין געשטאַנען ביים טויער, אָבער מיט דעם איינציקן האַרמאַט, וואָס זיי איז פאַרבליבן, האָבן זיי פאַר־טריבן דעם שונא.

אַ פריש ווינטל ווייעט און גלעט איבערן פנים. די קייט בערג, וואָס טיילן אָפּ ישראל פון לבנון, מיניען זיך אין קאָלירן: גרינגראָזיקע, געל־זאַמדיקע און בלאָ־פעלדזיקע. די בערג פון נפתלי זענען עס. הייַנט — די בערג פון „פלמ״ח".

יאָסקע וויל נישט רעדן. — קענען דען רייד אויסדריקן זיין עמאָציע ?... ער קוקט זיך איין אין פנחסן, וועלכער איז ווי פאַרטיפט אין אַ סוגיה...

אין א שטעטל ביי דער גרענעץ

..."שמידן ס'אייזן כל־זמן עס איז הייס", — האָט יאָסקע באַשלאָסן. ער מוז פאַרזעצן ס'פאָרן כל־זמן מען פאַרווערט עס אים נישט צוליבן האַרץ־פעלער. ער האָט ווידער פאַרבעטן צו זיך פנחסן, כדי ער זאָל האָבן נעבן זיך אַן אייגענעם, טאָמער חלילה געשעט מיט אים עפּעס... ער האָט אים געבעטן ער זאָל אים נישט אָפּזאָגן ס'מיטפאָרן.

גרענעץ־שטעטלעך האָבן געוויינטלעך נישט קיין באַשטימטן יחוס: זיי אַנטשטייען מחמת נויטווענדיקייט פון שיצן די גרענעץ קעגן אַן עווענ־טועלן איבערפאַל פון שונא. אַזאַ שטעטל האָט אָפּט אַ דאָרפישן אויסזען: בהמות און עופות דרייען זיך אַרום אויפן הויפּט־וועג. דער תושב לעבט אַ פּויעריש לעבן, איז נאָענט צו דער נאַטור.

אין גרענעץ־שטעטל מתולה זענען אָבער די הינער אין לולן, די בהמות אין די שטאַלן. די מענטשן ווייסן ווי אַזוי מען רייניקט גאָלד פון פּסולת, און ווי מען מאַכט פון פּסולת גאָלד... דאָס שטעטל ליגט צווישן בערג נעבן דריי גרענעצן: איינע מיט אַן איבערגעריסענער בריק, וואָס אונטן פליסט אַפילו נישט קיין וואַסער. די צווייטע — אַן אָפענע מיט אַ קופּע ווייסע שטיינער פאַר אַ סימן, אַז דאָ הייבט זיך אָן אַ פרעמדע טעריטאָריע. די דריטע איז פאַרמאַכט מיט אַן איבערגעלייגטן ווייסגעקאַלכטן קלאָץ — דאָ שטייט די ישראל־וואַך.

נאָר פון איין זייט קען מען היינט אַריינפאָרן קיין מתולה. דאָס שטעטל איז אַ קליינס, אַז מען שטייט אין איין עק, זעט מען דעם צווייטן, שוין מיטן לעצטן הייזל און מיט דער שילד פון פּענסיאָנאַט. מתולה איז

אַ דאַטשע־אַרט מיט האָטעלן און פּענסיאָנאַטן צופוסנס די בערג. אין הינטערגרונד — אַראַבישע דערפלעך. אין שטעטל — ווייסע הייזלעך פון עולים־שיכונים. טיפער אויפן האָריזאָנט — די צעצווייגטע יידישע ישובים, וואָס רייסן זיך אַרויס ווי פון אונטער גרינע שלייערן. פון דאָרט פירט דער וועג צום וואַסער־קוואַל „תל־אל־קאדי", וועלכער פליסט פון דעם מאַיעסטעטישן באַרג „חרמון". האַרט ביים קוואַל — אַ ברייטער און גראָבער בוים. דאָ האָט אַמאָל אַן אַראַבישער הערשער געוועלטיקט. נאָך פאַראַן סימנים פון דער וואַסער־מיל און דער צוקער־פּרעס.

מתולה האָט געהאַט צוויי וואַסער־פאַלן — „תנורים" (אויוונס) האָט מען זיי גערופן. אין פאַרלויף פון יאָרן האָט דאָס כסדרדיקע פליסן פון וואַסער אויסגעפאָרעמט די היילן ווי אויוונס. פון איינעם פאַלט דאָס וואַסער מיט אַזאַ רעש, אַז אויב אַ מענטש וויל דעם צווייטן עפּעס זאָגן, מוז ער שרייען אויפן הויכן קול. דער צווייטער וואַסער־פאַל איז שוין טאַקע נישט מער ווי אַן „אויוון", די היץ איז דאָרט אויסערגעוויינלעך גרויס, ווי אין אַ קעסל.

אין שקיעה, ווען די לבנה שווימט אַרויס פון הינטער די בערג, צינדן זיך אָן די פייערן אויף די בערג — אין די הייזער פון די קיבוצים „משגב־עם" און „מנרה". אין שיין פון טונקל־בלויען פאַרנאַכטיקן הימל בלאַנקען די פייערלעך ווי געלע זון־רויזן. עס בלישטשען די פייערלעך פון די קיבוץ־הייזער אין פלאַכלאַנד, ווי אילומינירטע שיפן אין אַ פּאָרט.

ס׳איילט פאַרביי אַ טאַטע מיט אַ קינדער־וועגעלע, אָבער דאָרט זיצט נישט איצט קיין קינד, נאָר עס ליגט אַ קעסטל פּרוכט. אַ ייִנגל טרייבט אַן אייזל, אויפן אייזל — קיישלעך און עס שטאַרן אַרויס שנאָבלען פון עופות. עס שאַרן זיך ביי די הייזלעך מענטשישע שאָטנס — אַראַבער, וואָס זענען געקומען אָנזאָגן, אַז מען דאַרף גיין צונעמען זייער סחורה. די גרויסע העלע לאָמפּן פון די פּענסיאָנאַטן באַלויכטן די גאַס. עס רעשט דער ראַדיאָ־הילכער מיט סימפאָנישע מוזיק און לייכטע טאַנץ־מעלאָדיעס. די טישלעך אונטער דיביימער זענען באַזעצט מיט געסט. קעלנערס

שטעלן אַרויף ווייַן אויף די טישן. איין פּאָרל באַווייזט זיך נאָר אויפֿן פּאַרקעט און שוין באַוועגן זיך אין ריטם פֿון דעם טאַקט נאָך פּאָרלעך.
שפּעט אין דער נאַכט. די עלעקטרישע לאָמפּן זענען פֿאַרלאָשן. אין די הייזלעך איז פֿינצטער, טיר און לאָדנס פֿאַרמאַכט. מען שלאָפֿט. עס רוען די, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג באַזוכט די געגנט פֿון מתולה. עס רוען אויך די, וואָס גרייטן זיך די געגנט צו באַזוכן. קינדערלעך וועקן זיך שוין פֿון שלאָף, העננער קרייען. אָבער אויף דער גאַס הערן זיך נאָך געלעכטערס פֿון שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך. אויך יאָסקע און פּנחס שלאָפֿן נאָך נישט.

סדום

אַ הייסער ווינט פּאַטשט אין פּנים — אַ חמסין. דער אויסגעפּוצטער אויטאָ מיט אַ סטענגעלע פון פאָרנט, ווי אַן אויסגעסטראָיעטער פראַנט אין אַ בינדע, פאָרט שנעל אַדורך די תּל־אביבער גאַסן, שוועבט פאַרביי די אַלטע ישובים; ראשון־לציון; נס־ציונה און זייערע פּרדס־שטחים. אויף די געדיכטע צווייגן הענגען נאָך פאַרבליבענע פון „קטיף" איינצלנע מאַראַנצן, ווי גאָלד־באַלעמס. דער אויטאָ טראָגט זיך דורך דער בלענדנדער ווייסקייט פאַרביי די נייע שיכונים־הייזער און פאַרנעמט זיך אויפן וועג צו באר־שבע.

דער עלעגאַנטער אויטאָ, ווי ער וואָלט פליען איבער די וועגן. ער איז איצט נישט דער איינאונאיינציקער אויף דעם וועג — מען פאָרט פון אַלע עקן פון לאַנד. עס פאָרן מושבניקעס, קיבוץ־חברים, יוגנטלעכע און עלטערע. עס איז וועדט מיט אַ טאָג צוויי צו פאַרשפּעטיקן דעם שניט, כדי צו זען סדום. תּל־אביבער איינוווינער זענען אַוועק פון געטומל, לוקסוס, פון באַקוועמע וווינונגען, אַוועק פון הור־האַ און „ביזנעס". ס'האָבן דאַמען זיך אָפּגעזאָגט פון דער ריי ביי דער קאָסמעטיקערין צו מאַכן זיך „מאַקיאַזש" און מען פאָרט זען ווי ס'זענען צעריסן געוואָרן בערג, פאַרשאָטן געוואָרן תּהומען.

פאַר די ברייטע אויטאָ־פענצטער פליען פאַרביי שטיקער וועג מיט צעוואָרפענע ווענט פון ליימענע הייזלעך — געוועזענע פעסטונגען פון די אַנפאַלער אויף דער יונגער ישראל־אַרמיי אין דער לעצטער באַפרייונגס־מלחמה. עס ציען זיך טיפע, ברייטע, גאָלד־זאַנגיקע פעלדער — מי פון

חלוצישע הענט, אַ ניי בלעטל פון גבורה אין דער יידישער געשיכטע. פון צווישן די גרינסן קוקן אַרויס די רויטע קאַכל־דעכער פון די קיבוצישע הייזער.

דער אויסגעפוצטער אויטאָ פאָרט אין מדבר. — אָט ציט זיך אַ קייט פון בערג. יעדער באַרג מיט אַן אַנדערן קנייטש, אין אַן אַנדערן לבוש, ווי אין געפּאַלדעוועטע זשופּעצעס אָנגעטאָן, ווי אויף צו באַשיצן זיך פאַר עפּעס וואָס און נאָך מער איינהילן אין זיך די סודות פון ששת ימי בראשית.

אין מיטן דעם מדבר רוישט אַ מאַשין, רוישט און זויפט. ריזיקע קעסלען דרייען און מאָלן שטיינער, שפּייען אויס דאָס פּסולת, און לאָזן איבער פּאָספּאַטן.

אויפן פרייען פעלד — די הייזקעס פון די אַרבעטער וואָס זענען באַשעפטיקט ביי דער פּאָספּאַטן־פאַבריק. טויזנטער אַרבעטער וועלן אַהער קומען — דער מדבר וועט ווערן אויס מדבר! ווער שאַפט עס די נייע ווירקלעכקייט? עולים פון אַלע לענדער! פון אַלע גלותן.

סדום! לויט דעם חומש, — צעשטערט געוואָרן דורך פייער און שוועבל. געוואָרן דער שם־דבר פון שלעכטס. היינט, אין ווידערגעבורט פון מדינת־ישראל — דער סימבאָל פון פאַרמעסט און גבורה.

און אָט: אַ הייל אין אַ זאַלץ־באַרג. מיט פאַקל און ליכט באַלויכט מען זיך דעם וועג. מען שאַרט זיך ביי די זאַלץ־ווענט. דער וועג פירט אַריין אין אַ הייל פון אַ צווייטן באַרג. ווי אַן איבערגעקערטער ליוק זעט עס אויס. 40 מעטער איז די לענג פון שמאָלן האַלדז. דער שפּיץ איז אָפן, ווי דער באַרג וואָלט אויסגעטון דאָס היטל, און קלאָרע הימל־ליכט שטראָמט אַהין אַריין. יאָסקען איז אין דער הייל קאַלט געוואָרן, אָבער ער האָט נישט מורא געהאַט, אז עס זאָל מיט אים עפּעס נישט גוטס געשען. די בלאָע הימל־שיין האָט געוואַרעמט און אויפגעפרישט זיין געלבלעך פּנים. ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט און דערמיט געוויזן בתיהן, אַז איר מורא פאַר זיין געזונט איז געווען איבערגעטריבן. ער האָט איר אַריינגעזאָגט

אין אויער, אַז זיין האַרץ איז אייזן, און אַז ער פרייט זיך וואָס פנחס איז מודה, אַז ער זעט ווונדער איבער ווונדער.

אויף צו פאַרענדיקן דעם אויספלוג האָט יאָסקע געהאַט בדעה אַרופ־צוגיין מיט פנחסן אויפן באַרג „מצדה", די פעסטונג פון די לעצטע יידישע קעמפער קעגן די רוימער. טויזנט זעגען זיי געווען אין צאָל, דריי יאָר גע־קעמפט קעגן די טויזנטער רוימער און זיך נישט אונטערגעגעבן. יאָסקע האָט אָפּגערעדט מיט פנחסן, בתיה זאָל נישט וויסן, אַז נאָך פאַרן זונ־אויפגאַנג וועלן זיי אַרויס אין וועג.

יאָסקע האָט געוואָלט אויספּרובירן זיינע כוחות.

דער וועג אַראָפּ איז נישט לייכטער ווי דער אַרויף, — 442 מעטער איבערן ים־פּלאַך. אויף טייל ערטער דראָט אַ געפאַר אַראָפּצוגליטשן זיך אין תהום, צו אַ טייל דאַרף מען זיך דראַפּען און ציען אויף שטריק.

בתיה האָט זיך דערוווסט אויף וואָס יאָסקע פאַרמעסט זיך, איז זי אַן איבערגעשראָקענע צוגעשטאַנען צו יאָסקען ער זאָל זיך נישט דערוועגן צו גיין אויף דעם באַרג „מצדה", אָבער יאָסקע האָט צו איר ליב געשמייכלט. זי האָט אין דעם שמייכל זיינעם איצט געזען אַ פעסטן עקשנות־דיקן ווילן, ווי עפּעס אין זיך גובר צו זיין.

— גוט, — האָט זי געזאָגט — דאַן גיי איך אויך מיט.

#ביים כאַפּן פיש

מחמת וואָס דער עיקר פאַר אַ קראַנקן אויף אַנגינאַ פּעקטאָריס איז רואיקייט, גלייכגעוויכט, שלוות־הנפש, האָט יאָסקע אויסגעפונען, אַז ער דאַרף זיך אָפּגעבן מיט פיש־פאַנג. אַנדערע איז ליב יאַגד אויף פייגל. ער אָבער איז נישט קיין אכזר, וועט ער פאַרוואַרפן אַ ווענטקע אויפן וואַסער — איי ס׳וועט זיך אַנטשעפּן אַ פישל? — וואָס פאַראַ באַדייט האָט אַ פישל אין ים?!...

און יאָסקע האָט זיך איינגעקויפט אַ ווענטקע, נישט צום פאַר־וואַרפן, נייערט זי אויסצושיסן. פאַר אים איז עס גאָר געוווּנטשן און אַ מעלה — ער וועט אַפילו נישט דאַרפן אויפהייבן די האַנט, וואָס ס׳וואָלט געווען פאַר אים אַן אָנשטרענגונג. מיט דער מאָדערנער ווענטקע וועט ער נאָר אַ קוועטש טאָן ביים ציינגל, כלומרשט ווי ביי אַ רעוואָלווער, און די ווענטקע וועט פליען צום ציל.

ער האָט זיך אויך איינגעקויפט קליידער פאַר אַ פיש־כאַפּער: — ווי געשיקט ער זאָל נישט זיין, קען ער זיך דאָך איינשמירן. זאָל ער אַפילו זיך האַלטן נאָענט צום פאָרט, איז דאָך דאָרט אַלץ פאַרפּעצט פון אייל פון די מאַשינעס. ער האָט געקענט זיך מאַכן אַ קעסטעלע פון אַ קאָנ־סערוון־פּושקע אויף אַריינצולייגן די געכאַפּטע פיש, אָבער כדי נישט ביליק צו מאַכן זיין אַמאַטאָריש פיש־כאַפּן, האָט ער זיך געקויפט אַ קאָלירטן קובעק.

פאַר זונפאַרגאַנג האָט יאָסקע גענומען די כלים צום כאַפּן פיש,

האָט אָנגעטאָן אַ טעמבל־היטל און איז אַוועק צום ים־ברעג. מחמת וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין דערפאַרונג אין כאַפּן פיש, און די ערשטע טריט זיינע אויף דעם געביט וועלן מסתמא זיין אומגעלומפּערט, האָט ער נישט געוואָלט, אַז די געניטע אַמאַטאָרן אין כאַפּן פיש זאָלן זען זיין אומבאַהאָלפנקייט, האָט ער זיך אויסגעקליבן אַ שטילן אָרט, ווייט פון מענטשן, אַז מען זאָל אים נישט זען. ער האָט דערנאָך באַרעכטיקט זיין שריט, ווייל ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט צו זיין אויער זיך דערטראָגן עמעצנס אַן אָפּלאַכן, וואָס ער קריכט ווי אַ בלינדער.

עטלעכע מינוט איז יאָסקע געשטאַנען ביים ברעג ים און זיך איינגעקוקט אין וואַסער צי עס שווימען נישט קיין פישלעך. זיין גוף האָט זיך געשפּיגלט אין וואַסער און ער האָט געהאַט ס׳געפיל ווי ער שווענקט פון זיך אַראָפּ פודן שווערקייטן. ער האָט אויסגעשאָסן די ווענטקע און זיך אַוועקגעזעצט. ווען דער שנור האָט זיך אַ וויקל געטאָן אויפן רעדל האָט ער דערפילט אַז עפּעס האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין האַק. אָבער צי דאָס איז אַ פיש, האָט ער נישט געוווסט. ער פלעגט אָפּט הערן רעדן די אַרבעטער ביים בנין, אַז אין אַ ווענטקע קען זיך אָנטשעפּן אַ ים־קאָטער אָנשטאָט אַ פיש. ער האָט איינגעהאַלטן דאָס וויקלען זיך פונעם שנור, אַרויסגעצויגן פון וואַסער. אויפן האַק איז געהאַנגען אַ פישל. ער האָט עס אַראָפּגענומען פון האַק אָבער עס נישט אַריינגעלייגט אין קובעק. ער האָט עס באַקוקט, ווי עס וואָלט אים אַ וווּנדער געשען. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס פישל איז איבערגעשראָקן פון זיין קוק. עס דאַכט זיך אים, אַז עס מאַכט מיטן פּיסקל, ווי עס וואָלט זיך געבעטן רחמים נישט אַרויסצונעמען עס פון ים, — זיך באַנאַרישט וואָס געלאָפן אויפן ביסן; עס איז נאָך יונג און קען נישט טאָן ווי די גרויסע!... יאָסקע האָט באַ־רעכנט: — עס איז אַ פּיצל פישל. מען וועט אָפּהאַקן דעם ווידל און דעם קאָפּ, וועט בלייבן נישט מער ווי אַ כזית — קיי און שפּיי, אַן אַ הנאה — לוינט נישט דער ענין! און ער האָט דעם פישל אַ גלעט געטאָן פאַרן פּיסקל, און עס אַריינגעשליידערט צוריק אין ים אַריין. — כ׳האָב

קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו האָבן צו טאָן מיט קליינוואַרג... — האָט ער געזאָגט, כדי צו באַרעכטיקן זיין שריט.

ס׳צווייטע מאָל, אַז יאָסקע האָט אַרויסגעצויגן די ווענטקע מיט אַ גרעסער פישל אויפן האק, האָט ער עס אויך באַלד נישט אַריינגעלייגט אין קובעק. עס איז שוין געווען אין זיין טבע ער זאָל פריער פאַרן אָפּטאָן עפּעס אַ זאַך מעסטן און וועגן. שטענדיק פריער באַקוקט און אָפּגעשאַצט די זאַך צי ער זאָל באַשטיין זי צו נעמען. נישט סתם כאַפּן אַ זאַך, נאָר צוליב דעם, ווייל אַ צווייטער קען זי נעמען. ער האָט זיך שוין איינמאָל אָפּגעבריט אויף הייסן און ער בלאָזט אויפן קאַלטן... ער האָט אויך דאָס גרעסערע פישל באַקוקט, האָט עס געוואויגן אין דער האַנט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז פון דעם פישס אויגן קוקט אַרויס אַ כעס, האָט ער זיך באַרעכנט: — זיין גאַנצע כוונה צו כאַפּן פיש, איז דאָך נישט דער פיש, נאָר די שלווה. וואָס פאַראַ שלווה וועט אים זיין, אַז ווען בתיה וועט דערלאַנגען דעם פיש אויפן טעלער און ער וועט נאָך זען די כעסיקע אויגן? וועט אים באַקומען דער ביסן...? ביי דעם געדאַנק האָט ער אַ דריגע געטאָן מיט די אַקסלען און — טראַך! — אַריינגעשליידערט דאָס פישל צוריק אין ים אַריין.

עס איז נישט געווען דאָס מאָל, אַז יאָסקע זאָל אויסשיסן די ווענטקע אין ים אַריין און ער זאָל נישט אַרויסציען אַ פישל אויפן האַטשעק. — „אַ בר־מזל״ — וואָלטן אַנדערע פיש־כאַפּער געזאָגט. יאָסקע אָבער, וואָס איז נישט להוט געווען אויף דעם עצם פיש האָט איינגעזען, אַז דער דער־פאָלג זיינער איצט אין כאַפּן פיש, איז צוליב דער גוטער קאָנסטרוקציע פון דעם מכשיר, די ווענטקע. די נייע מעטאָדע ברענגט טאַקע בעסערע רעזולטאַטן.

און אויסגעטאָן איז איצט יאָסקע פון אַלע טראַכטענישן, וואָס עס קען זיין, ווי עס באַדאַרף זיין. ער געדענקט נישט וואָס ער האָט געהאַט צו טאָן און נישט געטאָן. אויך דאָסמאָל, ווען די ווענטקע האָט אַרויסגע־צויגן אַ פישל, אַ שלאַנקס מיט אַ גלאַטער הויט און עס האָט זיך געוואָרפן

ווי אין תרעומות, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַדויערט דעם פישלס מזל. און ער האָט גערעדט צום פישל: זעסט אויס געגוג שטאָלץ און דאָך האָט דיך געלאָקט דער ביסן! ס׳פעלט דען דיר עפּעס? נאָר וואָס? האָסט אין וועג דערשמעקט ס׳ראָזאָווע וואָרם־פליש און עס האָט אַ ציפּ געטאָן דיין אָטעם. ס׳האָט זיך דיר פאַרגלוסט צו וואַרפן אויף דעם תענוג — הלמאי נישט געניסן אַז עס גלוסט? און דו ביסט אַריינגעפאַלן. אָפּט באַצאָלט מען טייער פאַר אַ טרפהן גענוס. ס׳טרעפט אַז מען שטעלט איין ס׳לעבן, און מען באַצאָלט אַפילו מיטן לעבן... ביסט שלאַנק און געטאָקט, אָבער אָן שופּן ביסטו אָרעם, נאַקעט — אַ טריפה בריאה. האָסט נאָך מזל וואָס דווקא אין דעם האַק האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט. דו געפעלסט מיר נישט, אָן אברים ביסטו. דיין שלאַנגישע פאָרעם נעמט אָפּ דעם אַפּעטיט. זאָל אַ פיש זיך אָנשטאָפּן מיט דיר. טראָך! — האָט ער אַ שליידער געטאָן און געקוקט ווי ווייט ער האָט עס געוואָרפן אין ים אַריין.

עטלעכע מינוט איז יאָסקע געזעסן ווי אָפּוועזנד, אָן מחשבות. אַ הויכע ים פאַלע האָט אַ ברויז געטאָן. דער געריוש האָט אין אים ווי אָנגעגאָסן אַ טעם. האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זיך צעשמייכלט: אָט וואָס אַ ברום קען אויפטאָן! קען אָפּשרעקן, קען אַמאָל דערמוטיקן צו ווידער־שטאַנד, אַניאָגן אַמאָל אַ ווילן צו געוועלטיקן, און ווידער אַ מאָל אויף צו באַדענקען זיך. דער ים ברויזט נישט סתם!...

ער האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט. ווידער געוואָרט דער שנור זאָל זיך אַ צי טאָן אויפן רעדל, אַ פישל זאָל זיך אָנטשעפּן אין האַק — עס הענגט דאָך אַ פּעט ווערעמל. זענען שוין אַלע פיש קלוג געוואָרן און ווייכן אָפּ פון דעם געגאַר־מיטל? עס גלאַנצט דען נישט דאָס ווערעמל?... ווי דער־פאַרן דער מענטש זאָל נישט זיין און וויסן אַז נישט אַלץ וואָס גלאַנצט איז גאָלד, וועט תמיד דער גלאַנץ לאָקן און רעגן זיין געמיט... „כדידי הוה עובדא״ (מיט מיר אַליין איז עס געשען) — האָט ער געטראַכט — דער גלאַנץ פון גאָלד האָט אים צעווילדעוועט, געשטויסן צו זוכן אַלץ מער

און מער... ווי אַזוי איז דאָס געווען? זיך דערוווּסט אַז בתיה האָט אַ מגרש, וואָס איר טאַטע האָט פאַר איר געקויפט, כדי דעם נדן נישט צו האַלטן אין מזומן. אים יאָסקען, איז איינגעפאַלן צו בויען אַ הויז אויף דעם מגרש און פאַרדינגען די וווינונגען, עס זאָל זיין אַ פרנסה־קוואַל.

ער האָט געוווּסט ווי אַזוי מען הייבט אָן, אָבער זיך נישט אָריענטירט אין דער קאַלקולאַציע. ער איז דאַן אַוועק אין קאַפע „אור", ווו עס קומען די מעקלערס פון פלעצער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נאָענט צום בופעט, ביי דער ניקלנער אויטאָמאַטישער קאַסע. ער האָט נישט געקענט קיינעם פון די מעקלערס. ער האָט געטראַכט צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער וויל קויפן אַ מגרש. ער האָט פאַרטשעפּעט איינעם, וואָס זיין פעט פּנים און לאַכנדיקע אויגן זענען אים געפעלן.

— דאַרפסט אַ מגרש? — איך האָב! ווילסט 500 פּיק? אפשר אַ גרעסערן? קענסט זיך ביי מיר אויסקלייבן און אומר ועושה.

ביי אים האָט יאָסקע זיך דערוווּסט דעם פּרייז פון קויפן. ער האָט פאַרטשעפּעט אַ צווייטן, וואָס האָט געטראָגן אַ שטרויענעם הוט מיט אַ טאַשמע, וועלכער איז געווען אַזוי פאַרפּעצט, אַז מען האָט געקענט שלאָגן פון איר אייל. ער האָט שנעל גערעדט און זיך געשפּילט מיט ווערטער: — „אַ שטיין ברענגט אַמאָל מער ווי ווייַן — ווען ער איז אַ בריליאַנט... אַ חזן עסט פאַרן דאַווענען — ער נעמט געהאַלט..." ביי אים האָט יאָסקע זיך דערוווּסט אין וויפל ער דאַרף אַריינרעכענען זיין מגרש אין דער קאַלקולאַציע פון הויז.

עטלעכע מאָל האָט ער זיך געדרייט צווישן די קבלנים. ביי איינעם האָט ער זיך דערוווּסט וואָס עס הייסט אַ מעטער מויער. ביי אַ צווייטן האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דער פּראָפּאָרץ פון די בוי־מאַטעריאַלן. היות ווי אינגאַנצן רוי אין ענין בנין איז ער נישט געווען, און אויך פּיטל האָט אַריינגעלייגט זיין פּראַקטיק, האָט ער אָנגעהויבן: אויף אייזלעך אַרויסגעפירט די איבעריקע ערד, אויף אייזלעך אָנגעשלעפּט ס'זאַמד, דעם „חצץ". יונגע מויערער אַוועקגעשטעלט, אויך זיך אַליין אַמאָל איינגע־

שפּאַנט און געמישט אין אַ קאַסטן דעם צוזאַמענשטעל פון צעמענט און זאַמד. טיילמאָל אַליין געליאַסעוועט אַ קאַסטן וואַפּנע און עס איז אויסגע־וואַקסן אַ הויז מיט אַ נישקשהדיקן פּנים. ביני לבינו האָט זיך אונטער־געדוקט אַ קונה. עס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אים אַ ווענטקע און אויפן „האַק" האָט זיך פאַרטשעפּעט אַ פעטער ביסן — גוטער ריווח. דער גאָלד־גלאַנץ, וואָס איז אים געקומען אין שטוב אַריין האָט אים גע־לאַקט. אויפן טיש האָט מען עס אַוועקגעלייגט און ער האָט, אַזוי צו זאָגן, געמאַכט אַ טויש — יענער איז געוואָרן דער בעל־הבית און ער דער בעל ממון. דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן און ער האָט געבויט נאָך אַ הויז און נאָך אַ הויז. אַן אויסלייז פאַר אַ מענטשנס לעבן איז זיין עשירות... זאָגט דער חכם, און יאָסקע האָט זיך געהאַלטן ביי דעם כלל, אַז ס'איז נישט קיין קרומע זאַך דאָס רייך זיין! און ווער מען שטערט עס? אויב סאָציאַ־ליזם הייסט, אַז אַלע דאַרפן זיין גלייך, מוז דאָך דאָס נישט אויסגעטייטשט ווערן אַז אַלע זאָלן זיין אָרעם. ס'קען דאָך אויך הייסן אַז אַלע זאָלן זיין רייך, און ס'וועט ממילא זיין אַזוי!...

די ווענטקע האָט זיך שנעל אַ וויקל געטאָן אויפן רעדל. ער האָט זי פאַרהאַלטן, געצויגן צו זיך. ס'איז דאָס מאָל אַ ביסל שווערלעך געווען דאָס ציען, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז עפּעס שווערס הענגט אויפן האַטשעק. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ דיק פישל. יאָסקע האָט זיך פאַרטראַכט: — אויב ער וועט אַזוי כסדר מצליח זיין, וועט ער ביזן אַהיימצוגיין האָבן אַ גרויסן שלל. צו וואָס דאַרף ער אַזוי פיל פיש, — האָט ער זיך געפרעגט. מיט איין מאָל וועלן זיי די אַלע פיש נישט אויפעסן. לעצטנס האַלט בתיה בכלל זיך אָפּ פון אַריינכעמען אין מענו ס'מין פיש, מחמת אירע היימישע וועגעטאַריאַנער האַלטן זיך אָפּ פון עסן פיש. און ער האָט באַשלאָסן אָפּצוקלייבן די פישלעך וואָס האָבן אַ שפּאַן די לענג. אַלע אַנדערע צוריק־שיקן אין ים אַריין.

אַז ער האָט אָבער נאָך עטלעכע רגעס זיך איינגעקוקט אין ליידיקן קובעקל, האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון פריערדיקן באַשלוס. ס'זאָגט

זיך: „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט"... וואָס קען ווער וויסן און זיך מאַכן פּלענער וועגן אַ זאַך וואָס איז נישט אין זיין רשות? עס קען זיך מאַכן, אַז דווקא פאַרן אַהיימגיין וועט זיך אין האַטשעק גאָרנישט אַנטשעפּן קיין פיש, אַפילו נישט קיין דרויבעלע! אַז ער וועט סוף־סוף אַהיימקומען אָן פיש, וועט בתיה אים חלילה נישט קוקן אין קובעקל אַריין. אָבער וואָס פאַראַ פּנים וועט ער האָבן ביי די אַנדערע אַמאַטאָרן פיש־כאַפּערס? זיי האָבן געלאַכט פון אים ווען ער איז אַוועק אַהער דאָ צו פאַרוואַרפן די ווענטקע, און אַז זיי וועלן אים זען נקי — אָן פיש, וועלן זיי ערשט זיך צעקייכן פון געלעכטער. נאָר דאָס נישט, ניין, דאָס נישט! זיך נישט לאָזן אָפּלאַכן פון מענטשן — לא מיט אַ ספּאָדעק! „יד חרוצים תשלוט"... (די האַנט פון פלייסיקע וועט געוועלטיקן) — זאָגט דער חכם. בעסער זאָל ער אָפּנייגן פון זיינע פּרינציפּן, און נישט זיין צו שפּאָט בעיני הבריות!... ער האָט באַשלאָסן אַנצוזאַמלען פישלעך אַ פול קובעקל, זאָלן די אַנדערע אַמאַטאָרן פיש־כאַפּער זען...

יאָסקע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגן און געקוקט אויף דעם זינקען פון דער זון אין ים אַריין. — אַ טיגל פייער ליגט דאָרט העט טיף, ווי אין אַ געדיכטער סאַדזשע מאַסע. אַמאָל פלעגט ער זיך אָפּט איינקוקן אין דעם זונפאַרגיין. שעהן־לאַנג איז ער דאָ, אין דער צייט פון די מעפּילים, דאָ ביים ברעג געשטאַנען. ער און בתיה און שושנה, זייער טאָכטער, אַלע דריי זענען זיי דאָ געווען אין קליידער נישט אויף זייער מאָס — די אָרעמקייט האָט אַראָפּגעשריגן אין אַלע זיבציק לשונות, מען איז נישט אַוועק ביז דער לעצטער מעפּיל איז אַרויף אויפן כשרן וועג. — אַנדערע צייטן געווען, אַנדערע ווינטן — אַן אַנדער געזונט — כאַ — כאַ — כאַ — ! — ס׳האָט זיך אים געלאַכט.

איינמאָל איז פּנחס געקומען צו יאָסקען, צום ים־ברעג, ווו ער איז געזעסן און געכאַפּט פיש. ער איז געווען ביי יאָסקען אין הויז, און בתיה, וואָס איז אומרויק געוואָרן פון יאָסקעס זאַמען זיך היינט לענגער ווי אַלעמאָל, האָט אים געבעטן, אַז ער, פּנחס, זאָל צוגיין צו יאָסקען און

זיין מיט אים — אפשר וועט ער משפיע זיין אויף אים ער זאָל שוין אַהיימגיין.

פנחס איז צוגעקומען צו יאָסקען, ווען יענער איז אַביסל פאַר־טראָגן געווען אין טראַכטן. ווי ער האָט נישט געוואָלט, האָט ער דאָך געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.

יאָסקע האָט זיך דערפרייט מיט פּנחסן. ס'האָט אים אָבער גע־וווּנדערט, וואָס פּנחס באַגריסט אים אַזוי קאַלט. ס'האָט אים אויסגעזען אַז ער איז עפּעס פאַרצערט. ער האָט אים פאַרגעלייגט צו נעמען די ווענטקע און פּרובירן זיין מזל אין כאַפּן פיש. ער האָט זיך נישט באַ־הערשט אין זיין נייגער צו וויסן פאַרוואָס פּנחס איז פאַרטראַכט און האָט אים געפרעגט, צי אים איז עפּעס? עס זעט זיך אים אויס אַז עס מאַטערט אים עפּעס?

פּנחס האָט לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

מינוטן זענען זיי געזעסן פאַרטיפט אין שווייגן, ווי נישט געוואָלט איבערשרעקן די פיש. פּנחס האָט נישט געקוקט אין וואַסער, נישט אויף דער ווענטקע. ער האָט געקוקט אויף זיינע הענט, וואָס האָבן אים אויסגעזען, אַז פון טאָג צו טאָג ווערן זיי אים דאַרער.

יאָסקע האָט זיך איינגעקוקט אין פּנחסעס פּנים, זיך איינגעקוקט אין דעם טיקנדיקן נערוו ביי דער שלייף, און האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין אינטואיציע האָט אים נישט גענאַרט: „פּנחסן עסט עפּעס אַ „ווערעמל״... ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף פּנחסעס אַקסל און ווידער־אַמאָל זיך געוואָנדן צו אים מיט דער פראַגע, צי עס איז אים עפּעס? צי טוט אים עפּעס וויי? „אפשר האָט ער אויך צו טאָן מיטן האַרץ?״ — איז אים אַדורך אַ געדאַנק. ער האָט אים געבעטן דערציילן, זיך אויסרעדן פאַר אים ווי פאַר אַ ברודער, פאַר אַ גוטן ברודער.

און פּנחס האָט זיך צערעדט. ער האָט אים דערציילט, וואָס מען דערציילט נאָר אַ גוטן ברודער: „ער טראַכט אָפּט צי ער האָט גוט געטאָן חתונה האָבנדיק מיט העלען, וואָס איז מיט אַ סך יאָרן יינגער פון אים.

די האַרמאָניע שאַפט זיך נישט פון זיך אַליין. ער דאַרף זי אויסשפּינען. עס קען זיך אויסדריקן אין דעם וואָס ער וועט איר געבן אַלץ וואָס זי דאַרף, כדי זי זאָל נישט מקנא זיין אַנדערע". ער האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט נישט און אַנדערע האָבן יאָ; ער האָט אים דערקלערט פאַרוואָס ער מוז אַזוי זיך יאָגן אין לעבן — פאַרשטיי, יאָסקע, פופצן יאָר לעבן זענען אַוועק אין גיוועץ, און איצט דאַכט זיך מיר אַז כ'בין הינטער־שטעליק. כ'וויל עס דעריאָגן. די ענערגיע טראָגט מיך. טיילמאָל האָב איך צו זיך טענות און זאָג זיך, אַז די אויגן זענען גרעסער ווי דער האַלדז. אָבער, יאָסקע, פאַרשטיי, אַן אַ בעט קען מען זיך אויסבעטן אַ געלעגער, אָבער אַז די פרוי האָט נישט וואָס זי באַדאַרף צו דער באַ־לעבאַטישקייט — באַקומט נישט דער ביסן...

— מיט דער צייט, פנחס! אַלץ מיט דער צייט. „מה שלא יעשה השכל — יעשה הזמן"...

— איך האָב נישט קיין צייט.

— דו הייבסט דאָך ערשט איצט אָן.

— ס'איז שווער, שווער.

— דאָ פירט זיך, אַז ביידע אַרבעטן.

— כ'וויל נישט זי זאָל זיין די פרנסה־געבערין. זי איז ייִנגער פון מיר אַ סך, און די האַרמאָניע צווישן אונדז הינקט אַביסל...

— הבל הבלים!...

— זייט שלמה המלך האָט דאָס געזאָגט פירט זיך נישט אַזוי — ווילסטו אַז ביי מיר, וואָס האָט אַזוי ווייניק געלעבט, זאָל דער פּעסעמיזם קריגן אַ תיקון?...

— נישט זיין פאַרצווייפלט! פאַראַן אַ פסוק: „אַ פריילעך האַרץ איז אַ גוטע רפואה און אַ שווער געמיט טריקנט אויס דאָס געביין..."

— אַלץ וואָס דער חכם האָט געזאָגט איז!...

— האָסטו שוין פאַרלוירן דעם גאַנצן בטחון, פנחס? שוין גאָר־נישט פון בטחון?

— זייענדיק אין דער פּאַרטיזאַנטקע האָט מיך געשטאַרקט דער בטחון, אָבער מיין ליבער, ביים רבונו של עולם, ווייזט אויס, האָבן די באַקן פון דער וואַגשאַל שוין אויסגעריבן זיך און ס׳צינגל האַלט נישט די גלייכגעוויכט...

יאָסקע האָט צוגענומען פון פּנחסן די ווענטקע. ער האָט אים געטרייסט:

— מיין טאַטע האָט געזאָגט — „ס׳שטרעבן צו גוטס, מאַכט גוט...

— ווען איך קען אַזוי טראַכטן ווי דו, יאָסקע! ווי דו!?...

יאָסקע האָט זיך איינגעקוקט אין דער רויטער קויל וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אין ים אַריין. ער האָט געזען עס ווערט שפּעטלעך און מיט געבעט זיך געוואָנדן צו פּנחסן:

— גיי, גיי, איך בעט דיך. גיי זאָג בתיהן, אַז כ׳וועל באַלד קומען. זי טראַכט שוין איבער וואָס מען זעט מיך נישט, און איך, ווי דו ווייסט, גיי לאַנגזאַם. פּנחס איז אַוועק.

*

פלוצלונג האָבן הויכע פּאַליעס אַ שלאָג געטאָן אין ברעג. דער ים איז שטורמיש געוואָרן. יאָסקע האָט אַרויסגעצויגן די ווענטקע. ער האָט אַ בלאָז געטאָן מיט די ליפּן. עפּעס קאַלאַמוטנע איז אים געוואָרן אויפן האַרצן. אַ מורא איז אים באַפאַלן: אַז ער קען דאָ בלייבן שטיין פאַר אַ נסיון. ס׳קען אָנרירן זיין האַרץ. ער האָט געוואָלט אַ העלפט פישלעך פון קובעקל אַריינוואַרפן צוריק אין ים אַריין, ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן — „מיט לעבעדיקע דאַרף מען זיך נישט וואַרפן. שטענדיק בעסער, אַז עס איז דאָ פון וואָס זיך אָפּצוזאָגן...״

אַ קאַלטער ווינט האָט דורכגענומען זיינע ביינער. עס האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך. ער האָט גע־קוקט צו דער גאַס און געמאַכט ברייטע שפּרייזן. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז פאַר אים איז עס אַ צו גרויסע אָנשטרענגונג.

אַ דאַנק

אין אַלע צימערן פון יאָסקעס וווינונג איז היינט רעשיק ליכטיק; עס ברענען אַלע לאָמפּן אין די זשיראַנדאָלן און אין די קינקעטן אויף די ווענט. פון דערוויטנס דאַכט זיך — מי יודע וויפל געסט ס'זענען דאָרט, אָבער נאָר פּנחס און זיין העלע זענען דאָ. העלע — דאָס ערשטע מאָל. זי איז געקומען אָפּדאַנקען בתיהן פאַרן העלפן איר איינשטעלן איר ווירט־שאַפט און פאַר אַלע מתנות.

העלע מאַכט אַ גוטן איינדרוק סיי מיט איר העל בלאָנדן קאָפּ, סיי מיט דעם צירונג־גאַרניטורל: די שנור רויטע קרעלן אויפן האַלדז און די לאַנגע באַרן־פאַרמיקע רויטע אויערינגען, וואָס זענען לעצטנס שטאַרק אין דער מאָדע. העלע איז אַפילו נישט להוט אויף אויסצוצירן זיך, האַלט אָבער אַז זי דאַרף נישט אָפּשטיין פון אַנדערע פרויען אין איר עלטער. איר טיפער קנייטש אין דער קין רעדט מיט ווייכקייט, נאָכ־גיביקייט. זי לאַכט מיט אַ פול מויל. איר געפעלט אַלץ. זי האָט אַלעמען ליב. דאָך האָט פּנחס מורא פאַר איר וואָרט. אים דאַכט זיך, אַז אַלץ וואָס זי זאָגט, אַפילו אין שבת, מיינט זי דורכאויס צו קריטיקירן אים, ווי אויפצווייזן אים, אַז ער איז אַ לא יצלח, און דער מטושטושער געפיל ווירקט אויף אים אַזוי, אַז ווען ער דאַרף העלען ענטפערן אויף אַ פראַגע, איז אים קורץ דער אָטעם.

יאָסקע און בתיה ווייסן שוין, אַז העלע איז אין דער צייט פון דער נאַצי־הערשאַפט עטלעכע טעג געלעגן באַהאַלטן אין אַ קוימען, אַז זי

איז אַרויס פון גֶעטאָ האָט זי געאַרבעט ביי אַן אָרעמער פוילישער פאַמיליע און „אַרישע" פּאַפּירן געהאַט.

בתיה האָט דאָסמאָל געדעקט דעם טיש מיט אַ ברייטער האַנט, אַזוי צו זאָגן, אַלע פּיקאַנטע מאכלים האָט זי איצט געשטעלט אויפן טיש אַרויף. זי האָט געוואָלט ווייזן העלען ווי גרויס איז דער כבוד וואָס זי וויל איר אָפּגעבן און ווי ערנסט זי שאַצט זי. עס איז ביי איר, אין דעם מאָמענט, נישט געווען טייערערס פון העלען. זי האָט בעתן מכבד זיין געגלעט מיט מוטערלעכקייט העלעס קאָפּ. זי האָט געהאַלטן אַז אירע ווערטער זענען אַ שוואַכער אויסדרוק לגבי איר געפיל. זי האָט איר געגלעט מיטן בליק ווען זיי זענען געשטאַנען פּנים אל פּנים. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז וויפל צופרידנהייט זי ווייזט אַרויס פאַר העלעס זיין אין אירע ד' אמות, איז ווייניק. בתיה האָט זי געפירט געאָרעמט איבער די צימערן, אויפגעעפנט פאַר איר אַלע שענק, ווי זי וואָלט זאָגן: — קלייב זיך אויס וואָס דו ווילסט! אַז העלע האָט איינקוקנדיק זיך אין אַ בילד וואָס אויף דער וואַנט, געלייענט פון אים ווי אַ געניטע אין מאַלעריי, איז בתיה אַלס אויסדרוק פון אַנערקענונג, צוגעפאַלן מיט איר קאָפּ צו העלעס ברוסט און זי געקושט.

עס איז געווען אַ העלע לבנה נאַכט. זיי זענען אַלע פיר אַראָפּ אין גאָרטן אַריין. העלע איז פון די געטראַנקען ביים מאָלצייט געוואָרן אַביסל בגילופין, אויך יאָסקע האָט דאָס מאָל אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס אין טרינקען. פּנחס, וואָס איז תמיד, אַ געטריבענער פון ענערגיע, געגאַנגען שנעל, האָט אויך איצט גייענדיק מיט בתיהן, שנעל אַרומגע־קרייזט דעם גאָרטן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער וועראַנדע פון הויז. ער האָט אָפּגעמשלט פאַר בתיהן ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די בריק, וואָס ער האָט אויפגעריסן זייענדיק אין דער פּאַרטיזאַנטקע.

יאָסקע איז געגאַנגען מיט העלען צווישן די ביימער. ער האָט איר דערקלערט ווי ער רופט אָן יעדן בוים — נישט לויט דעם באָטאַנישן נאָמען, נאָר לויט דער געלעגנהייט ביי וועלכער ער האָט אים פאַרפלאַנצט.

נעבן בוים „דער שטראַל", ווי ער האָט אים אָנגערופן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דער בוים — אַ שמאָלער גוף און ווייניק צווייגן. אים האָט ער פאַרפלאַנצט צו שושנהס, זיין טאָכטערס חתונה. — „שטעלט אייך פאָר, העלע, — האָט ער לאַכנדיק דערציילט — אויסגעהאָדעוועט אַ טאָכטער, וואָס קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר איז זי געווען די ליבע און די פרייד פון טאַטע־מאַמע און מיטאַמאָל קומט אַ בחור, וואָס נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט, אַפילו די האַנט אין קאַלט וואַסער פאַר איר נישט אַריינגעטאָן, און נעמט זי זיך צו! — נישט צום לאַכן? טאַטע־מאַמע באַשטייען אויף דעם גורל, ווייל זיי זעען אין זייער קינד זייער ליכט־שטראַל. דעם אַ שטראַל האָט ער פאַרפיקסירט אין דעם בוים...

אויך העלע, נאָך נישט קיין אויסגעניכטערטע, האָט געלאַכט. זי האָט געזאָגט אַז עלטערן זענען די נאַרישסטע מענטשן וואָס אויף דער וועלט; זיי פּייניקן זיך אָן פאַר די קינדערס וועגן, כדי צו דערלעבן פון זיי נחת, און אַז די קינדער גייען אַוועק, ווערן זעלבסטשטענדיק — בענקען די עלטערן נאָך די קינדער, און דאָס איז ווידער אַ פּיין!...

העלע האָט געלאַכט און אויסגעצויגן די הענט ווי אַריינצונעמען אין אירע אָרעמס יאָסקען, דעם נאַרישן טאַטן.

ס'איז שטיל געוואָרן אין גאָרטן. בתיה, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער וועראַנדע, האָט אָפּגעוואַרט יאָסקען מיט העלען, כדי צוזאַמען צוריק אַרויפצוגיין אין דער וווינונג. זי האָט זיך אָבער געוווּנדערט וואָס יאָסקע לאָזט זי דאָ אַזוי לאַנג אַליין? און איז דאָרט מיטאַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן? מען הערט נישט רעדן, קיין שאָרך פון טריט... איז אפשר עפּעס מיט יאָסקען און זיין האַרץ?... זי האָט שטיין געלאָזן פּנחסן, איז צוריק אַריין אין גאָרטן. לויט דעם שאָרך פון אָטעם איז זי געגאַנגען און ראַפּטום זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט דייטלעך געזען ווי זיי האַלדזן זיך...

דער קיבוץ

אַמאָל.

מיט יאָרן, יאָרן צוריק האָבן צען יונגעלייט זיך באַזעצט אויף אַ קליינעם שטח ערד נעבן חדרה. דער באָדן, אויף וועלכן זיי האָבן אויפגעשטעלט זייער געצעלט, איז אין יענער צייט געווען אַדורכגענומען מיט אַ נעץ פון זומפּן. עס האָט געהערשט מאַלאַריע־פיבער. ס׳האָט זיך געפאָדערט מי און אָנשטרענגונג כדי אויסצוהאַלטן דעם נסיון. די ערשטע גרופּע האָט נישט אויסגעהאַלטן און רעזיגנירט, איבערגעלאָזט דעם פּרדס.

אויף דעם ליידיק געוואָרענעם פּלאַץ איז געקומען אַ גרופּע חלוצים. זיי האָבן אפשר נישט געהאַט מער כוח ווי די ערשטע, דערפאַר אָבער חלוצישן ברען און פּאַטריאָטישע מסירות־נפש. נישט געקוקט אויף די שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען, האָבן זיי, חוץ דעם פּרדס, זיך אויך גענומען צו באַאַרבעטן די ערד. אין משך פון דער צייט זענען צוגעשטאַנען נאָך חלוצים. אַ טייל זענען קראַנק געוואָרן אויף פיבער, אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך געקאָנט שטעלן אויף די פיס, האָבן זיי מיט עקשנות־דיקן אויסדויער, גלייך מיט אַנדערע, אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען די זומפּן אין אַ בליענדיק פעלד.

יאָסקע און פּנחס זענען אויפן וועג צום קיבוץ.

היינט.

דער וועג — אַ געפלאַסטערטער צווישן ציפּרעסן, באָדט זיך אין די פאַרנאַכטן אינעם פּורפּור־גלאַנץ פון דער שקיעה. אין די פרימאָרגנס — ווערט ער באַשאָטן מיט זונשטראַלן, ווי אַ פעלד מיט גינגאָלד־זאַנגען.

דרייפערטל טויזנט נפשות לעבן אין קיבוץ. צווי קינדער־היימען מיט שלאָפצימערן, מיט זאַלן פאַר שפילן און צייכענען — אויסגעמעבלירט לויט דעם מאָדערנסטן שיק. די ריינקייט, די ציכטיקייט ווערט אָפּגעהיט ביז פּעדאַנטישקייט. די קינדער־בעטלעך פון די זויגלינגען געפינען זיך זומערצייט אונטערן בלויען הימל און צעגאָסענער זון, צווישן אייביקער גרינקייט פון די ציפּרעס און גרעיפּפרוכט ביימער. חדשים זענען די ציפּרעסן באַשאָטן מיט די גאָלדענע באַלעמס — די מאַראַנצן.

דער שפּיל־פּלאַץ פאַר די קינדער — אויפן גאָלדיקן זאַמד. דאָרט זענען אויפגעשטעלט פאַרשידנערליי הוידלקעס, לייטערס, טונעלן פון רערן, בערגלעך פון קלעצער, מאַשינדלעך (כמו אויטאָס), קעסטלעך (כמו באַן־וואָגאָנדלעך און לאָקאָמאָטיוון) — דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אין אייגענע וואַרשטאַטן.

דער קיבוץ איז נישט בלויז אַ דאָרף. ביי דער שול איז פאַראַן אַן אינטערנאַט, נישט נאָר פאַר דער קיבוץ יוגנט, — עס לערנען אין דער שול אויך קינדער וואָס זייערע עלטערן וווינען אין די שטעט. די שול־בנינים זענען אַרומגענומען מיט ביימער און גראָז־פּלעצער. די שול האָט אויך לאַבאָראַטאָריעס פאַר פיזיק און כעמיע, וואָס זענען אויסגעשטאַט לויט דער נייעסטער טעכניק. דער לערער־פּערסאָנאַל — מיט סעמינאַר בילדונג — אייגענע קיבוץ־חברים, קינדער פון טאַטעס בעלי שם. די דערציער זאָרגן נישט בלויז פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דעם שילער, נאָר אויך פאַר דער פיזישער.

דער קיבוץ איז באַזאָרגט מיט ברייטע פּלעצער פאַר גימנאַסטיק־איבונגען, פאַר ספּאָרט־שפּילן; מיט אַ גרויסן שווים־באַסיין, וווּ עס קומען פאָר פאַרמעסטונגען אין שווימען.

קומסט אין קיבוץ, סטייעט קוים אָטעם צום אויפכאַפּן די ברייטע פּאַנאָראַמע פון משק און די דערגרייכונגען פון מי און אַרבעט.

די קיבוץ־קיך — אַ געביידע אויף הונדערטער קוואַדראַט־מעטער. די קיך גופא איז איינגעאָרדנט מיט עלעקטרישע און גאַז־קאָך־מכשירים,

באַזונדערע באַקאַוויוונס, בראַטאַוויוונס, קעסלען און בעקענס פון נעראָסטאַ מאַטעריאַל; אויטאָמאַטישע קאַרטאָפל־שיילער, מייערנשאַבערס, „מיק־סערס" און וואַשערס.

די טישן, געדעקטע מיט פּאָרמייקע, גיבן צו דעם חדר־האוכל אַ סך ליכט און גלאַנץ. אַמאָל איז אַנטקעגן חדר־האוכל געשטאַנען אַ היל־צערנע רודערע, אויסגעקרימט, אָט־אָט צום איינפאַלן. דאָס איז געווען דער לייען־זאַל, די ביבליאָטעק. היינט, אַז מען קומט אַרויס פון חדר־האוכל ווערט מען פאַרכאַפּט שוין פונעם ערשטן בליק אויף דעם נייעם קולטור־הויז און גרויסן גראָז־פּלאַץ, אַמפיטעאַטריש פון דער נאַטור, וואָס זעט אויס ווי אַן אויסגעשפּרייטער גרינער גראָז־טעפּיך.

דאָס קולטור־הויז טראָגט דעם נאָמען פון אַ קיבוץ־זון, וואָס האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר דער מדינה. ס'איז נישט קיין גרויס הויז, נאָר איין לייענזאַל, אָבער איינגעאָרדנט אַזוי עסטעטיש, געשמאַקפול, אַז ווי מען קומט אַריין, כאַפּט אַרום אַ רוחניות־שטימונג. אָפט זיצן יוגנטלעכע און עלטערע חברים פון קיבוץ און לייענען אַ צייטונג, אַ זשורנאַל. ס'איז רויק, שטיל. דער געוויש פון אַרבעט, וואָס גייט אָן אין קיבוץ־משק, דערגייט נישט אַהער. מען איז אָפּגעהיטן בייט איבערמישן אַ בלאַט — ער זאָל נישט שאָרשן.

דער לול מיט די טויזנטער הינער, הענער, קאַטשקעס און איג־דיקעס — אַ באַזונדערע „רעזידענץ". אַרום דער מיץ־פאַבריק געפינען זיך גרעסערע און קלענערע פליגל־געביידעס. ס'שטייען נייע מאַשינען־אויטאָמאַטן; אַ ריזיקער אויטאָמאַט פאַר וואַשן פלעשער (הונדערטער אין אַ מינוט), „סאַטור־מאַשינען צו שליסן די בלעך־שאַכטלעך מיט פּרוכט־קאָנסערוון און קאָנפיטורן; אַ גרויסע געביידע פאַר דער לאַבאָראַ־טאָריע און פאַר דער פאַבריק־ביוראָ. אַן אַלטע געביידע קוקט דאָ אַרויס, ווי אַ קנאָספּ צווישן בלעטער פון אַ צעעפנטער בלום. ס'איז אויפגעבויט אַ ריזיקער עלעוואַטאָר, וואָס איז פול מיט תבואה, ס'איז דאָ אַן „אולפּן" און אַ שיכון פאַר עולים חדשים.

די בויער פון דעם קיבוץ — די חלוצים פון פאַר דרייסיק יאָר, לעבן אין וווינונגען מיט ווילע־אַרטיקן קאָמפאָרט. דאָס איז דער אַזוי גערופענער „שיכן ותיקים". פיר פאַרלעך אין אַ הייזקע. די הייזער, וווּ ס'האָבן פריער געוווינט די עלטערע חברים „ותיקים" פאַרנעמט דער חלוצים־נאָכוווּקס פון פאַר צען יאָר, פופצן יאָר. ס'האַלט דאָ אָן דער פרינציפּ — עלטערע פריער, ייִנגערע נאָך זיי. כאָטש במשך דער אַנטוויקלונג פון קיבוץ האָט דאָס יונגע איינגעשלונגען ס'אַלטע, אַז מען זעט שוין זעלטן וואָס אַרויס פון דעם אַמאָליקן; כאָטש ס'דאָמינירנדיקע וואָרט האָט די יוגנט, איז נאָך אַלץ די „אַלטע גוואַרדיע", אַזוי צו זאָגן, אויפן פערד.

דאָס גרעסטע רייכטום אין קיבוץ — דאָס איז די יוגנט, צווישן זיי דער העלדישער פליער, וואָס האָט אפילו מיט אַ דעפעקט אין פליגל פון עראָפּלאַן, בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה, נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין פּאָזיציע אין די דעראָבערטע הימלען. זיי זענען בלב ובנפש איבערגעגעבן דעם אידעאַל פון בויען די נייע געזעלשאַפט. תמיד זענען די יונגע פאַרטאָן, פאַרקאָכט אין שאַפן עפּעס פאַרן קיבוץ. אַפילו ווען זיי זענען אין בגדי־חג, טראַכטן זיי אויך און זוכן וואָס נאָך צו טאָן פאַר דעם משק, פאַרן גן־ירק, פאַר די סאַזשלקעס.

די קיבוץ־חברים האָבן געמאַכט אַ „פעסט", אַ „פּיקניק־אָוונט" אויף די פעלדער נעבן די סאַזשלקעס, לכבוד די „סאַזשלקעס".

לאָמטערנס, רעפלעקטאָרן באַלויכטן דעם ריזיקן פעלד־שטח. אַלט און יונג, קליין און גרויס שטראָמען צום פעסט. אַ גערויש, אַ געטומל, געלעכטער און ריידערייען מישן זיך אויס מיטן געזאַנג פון חלוצישע לידער. מען זיצט גרופּנ־ווייז ביי פּייער־שייטערס. בופעטן גיבן אַרויס פּעקלעך עסנוואַרג און געטראַנקען. ס'פּייער פון די שייטערס פלאַקערט העליש.

מיטאַמאָל לעשן זיך אויס די רעפלעקטאָרן. בלויז די שייטערפּייערן באַלויכטן ס'פעלד — ס'ווערט עפּעס ווי אין אַ מעשהלע וועגן

מדבר־וואַנדערער, אָבער נישט דאָס איז מען אויסן. אויפן וואַסער פון אַ סאַזשלקע — אַ בריק, אַלע רעפלעקטאָרן באַלייכטן די בריק. קיבוץ־חברים פירן אויס אַ טאַנץ פון פישער ביי דער אַרבעט — אַ פּאַנטאָמימע אַזאַ. עפּעס שאָטנט זיך העט ווייט אויפן האָריזאָנט, אויף דער סאַזשעלקע. פּאַמעלעך דערנענטערן זיך די שאָטנס צום סאַזשעלקע־ברעג, צו דער בריק, — ווייסע טאָוולען אויף שיפלעך, ווי מאַשטן. עס דרייט זיך אַ טאָוול, אויף אים — אַ קאַפּיטל פון דער היסטאָריע פון די סאַזשעלקעס. אַ חבר פון דער קולטור קאָמיסיע אין קיבוץ רעדט דורכן הילכער, לייענט דעם אינהאַלט וואָס איז אויפגעשריבן אויפן טאָוול. אָפּגעלייענט פון איינעם, דרייט זיך אויס דער טאָוול, ווי עס וואָלט זיך איבערגעמישט אַ בלעטל פון אַ בוך. ער לייענט פון אַ צווייטן, פון אַ דריטן. מען זעט דיאַגראַמען, ציפערן — אַ רייך בלעטל געשיכטע.

נישט ווערטער, נישט ציפערן דאָמינירן — דער קיבוץ איז אַ יש! עס דרייט זיך אַ פילם וואָס ווייזט די אַנטשטייונג פון די סאַזשעל־קעס, אָנהויבנדיק פון אויסבעטן דעם באָדן פאַר דער „זי" און דעם „ער". ס'זעט זיך ס'אָנפילן די סאַזשלקעס מיט וואַסער, ס'געבן די פיש שפּייז, די אַרבעט פון די חברים ביי דעם פיש־פאַנג; דאָס ציען די נעצן פונעם וואַסער, ס'איבערוואַרפן די דראָבנע פישלעך, כדי זיי זאָלן נישט איינגע־שלונגען ווערן דורך די גרויסע פיש; ס'זעט זיך ס'איבערפירן די פיש אין קיבוץ־הויף אין טאַנק אַריין, אויף איבערצונעכטיקן ביזן אָפּצוטראַנס־פּאָרטירן אין די שטעט אַריין צו די פאַרקויף־שטעלעס.

...שפּעט אין דער נאַכט. מאָרגן וועט מען דאַרפן אויפשטיין צו דער אַרבעט נאָך פאַר זון־אויפגאַנג. ס'איז אפשר אַ שעה בלויז צו טאָג, און די שעה איז גרויס. מען לויפט ווידער צו די פייער־שייטערס. טייל בראָטן שאַשליק, טייל קאַבאַב. איבערן פעלד צעטראָגן זיך ווידער חלוצישע לידער־געזאַנגען: אַלטע, נייע. ס'מישן זיך אויס דערינערונגען — דער נעכטן מיטן היינט...

דער יום־טוב ביכורים אין קיבוץ

אויף אַ גרויסן גרין־גראַזיקן פּלאַץ שטייט אַ טריבונע צונויפגעשטעלט אין שטאַפּלען, אַרומגעהילט מיט גרינס. ס׳פּלאַטערן צוויי פענער. די בלאָ־ווייסע און די רויטע. אין ביידע זייטן פון פּלאַץ — קאַפּול־פאַרמיקע ראַמען, געפלאָכטן פון פּאַלע־צווייגן, בילדן אַ מין טויערן. דריי טויערן פון דער רעכטער זייט, דריי טויערן פון דער לינקער זייט, און איין טויער אַנטקעגן דער טריבונע.

דורך די זיבן טויערן (לויט די זיבן מינים געוויקסן: ווייץ, גערשטן, איילבירט, מילגרוים, פייגן, טייטלען און טרויבן) וועלן קומען די קיבוץ־חברים מיט די ערשטע ערד־און ביימער־פּרוכטן. ס׳זענען פאַרזאַמלט: די חברים פון קיבוץ, זייערע קרובים, באַקאַנטע — אנשים, נשים וטף, — אָנגעפאָרן פון דער סביבה, פון נאָענטע און ווייטע ישובים און שטעט — אַ המון פון עטלעכע טויזנט. עס מיניעט אַ שלל פון פאַרבן, פאַרשידנקאָלירקע קליידער, טאַשמעס, בענדער און סטענגעס אין די האָר פון די קינדערשע קעפּלעך: געל, גרין, רויט. יעדע פאַרב אין אַלע שאַטירונגען און ניואַנסן. מען זיצט אין אַלע זייטן אויף דעם ריזיקן פּלאַץ. מען זיצט אויף פּלאַטפאָרמעס, וועגענער, אָנגעשטעלטע אין די זייטן־וועגן. מען זיצט אויף אויסגעלייגטע אין שורות פעקלעך געפּרעסטע שטרוי. ייִנגלעך זיצן אויפן דאַך פון קליינעם תבואה־שייער. גרויס איז דער המון, נאָר ס׳ווערט קיינער נישט אַרויסגעשטופּט. מען וויל זיך טיילן מיט דער הנאה וואָס ס׳וועט פאַרשאַפן דער אימפּאָזאַנטער מאַרש פון די ביכורים־ברענגער. אַלעמענס אויגן זענען געוואָנדן אין איין פּונקט — צו דער טריבונע.

דאָרט, אויפן העכסטן שטאַפּל, שטייט דער עלטסטער חבר פון קיבוץ, אָנגעטאָן אין ווייסן. זיין לאַנגע פיגור זעט איצט אויס ווי עפּעס אַן עקזאָטיש געוויקס. ער שטייט רויק, כמעט אומבאַוועגלעך. שטיל, אָפּגערוקט פון אים, ווי אין אַ מעשהלע וועגן אַ שרה אין אַ שלאָס, שטייט אַ פרוי, אַ קיבוץ־חברטע, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן געלן קיטל און ברוינעם גאַרטל. זי האַלט אַ בלאַט פּאַפּיר. זי לייענט וועגן דער באַדייטונג פון דעם יום־טוב. דערציילט וועגן פרייד דערגרייכטער דורך אַרבעט. זי דערמאָנט די אַרבעט אין פעלד, אין גאָרטן. איר שטים קלינגט לויטער, ווייך. אַ כאָר פון קיבוץ־חברים: פרויען, מענער, זינגט אין באַגלייטונג פון אַ מאַנדאָלינע און פלייטל. אויך דאָס געזאַנג איז ווייך, דין און צעגייט זיך אין דער לופט, ווי עס וואָלט אַ מחנה יונגע פייגל געפּאָכעט מיט די דינע יונגע פליגעלעך.

שטיל.

ס׳הערט זיך בלויז אַ דינער ניגון פון פלייטל, ווי פון ערגעץ אַ וויטן, טיפן טאָל אַרויס. דער ניגון ווערט אַלץ טיפער, פאַרבענקטער, שטילער און דינער, ווי ער וואָלט באַגלייט דאָס פאַרגיין פון דער זון.

מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ רוף פון אַ מעטאַלענער שטים. עס רופט דער חבר פון העכסטן שטאַפּל פון דער טריבונע:

זאָלן קומען די אויסדערוויילטע מיט די ערשטע ערד און ביימער־פּרוכטן! זאָלן קומען מיט שמחה!

דורך דעם מיטלסטן טויער קומען אָן צוויי יונגע, שלאַנקע פרויען מיט בלומענקרענץ אויף די קעפּ. אין לאַנגע, ביז די קנעכל, גרינע כאַלאַטן מיט געלע גאַרטלען. די פולע טאַצן מיט די זיבן מינים ערד־ביימער־פּרוכטן טראָגן זיי מיט אויסגעשטרעקטע הענט. צום ריטם פון די פּייקלעך, פון די טענצערינס, וואָס זענען זיי מקבל־פּנים, שפּרייזן זיי טראָט נאָך טראָט. די קעפּ — באַשיידן און גלייכצייטיק שטאָלץ. זיי שפּאַנען צו צו דער טריבונע, שטרעקן אויס צום עלטסטן די טאַצן מיט די זיבן מינים. דער עלטסטער גייט אַראָפּ צו זיי, באַגריסט זייער אָנקומען, נעמט פון זיי צו די

טאַצן מיט די ביכורים. די פרויען רוקן זיך הינטערוויילעכס צוריק פון דער טריבונע אַוועק — אַלץ מיט די זעלבע ריטמישע טאַנץ־טריט. זעקס פרויען אין ווייסע לאַנגע כאַלאַטן, באַפּוצט אין די זוימען מיט ברוינע טאַשמעס, באַגלייטן מיט טענץ און פייקל־קלאַפּעריי דעם וועג פון די ערשטע ביכורים־ברענגערס.

עס שאַלט אויף דער כאָר פון מענער־שטימען. עס באַגלייטן זייער געזאַנג דינע פרויען־שטימען, די מעטאַל־בלעזנדיקע קלאַנגען פון דער מאַנדאָלינע און דער פאַרבענקטער אָטעם־צי פון פלייטל.

— זאָלן קומען די אַרבעטער פון פעלד מיט די ערשטע ערד־פּרוכטן! זאָלן קומען מיט שמחה! — רופט אויס דער עלטסטער. ער רופט אָן יעדער צווייג אין דער ווירטשאַפט.

זאָלן קומען!

דורך די זעקס טויערן קומען אָן גרופּעס מיט די ביכורים: צוערשט די גרופּע פעלד־אַרבעטער מיט זעקלעך תבואה אויף די אַקסלען און בינטלעך תבואה־זאַנגען אין די הענט. עס קומען די גרופּן: גאָרטן־אַרבע־טער מיט גרינס־געוויקסן, די אַרבעטער ביי די פיש־סאַזשעלקעס. אין אַ ברייטער שורה גייען זיי. די נעצן מיט פיש טראָגן זיי אויף די אַקסלען. מיט כבוד און ווירדע שפּאַנען זיי. עס קומט די גרופּע אַרבעטער פון רפת. זיי טראָגן קאַנען מילך און פירן אַ לעבעדיק קעלבל. עס קומט די גרופּע פרדס־אַרבעטער מיט קעסטלעך מאַראַנצן ווי גאָלדיקע קוילן, ווי קרוינען מיט צירונג באַפּוצט. עס קומט די גרופּע פון לול מיט עופות אין שטייגן און אייער פאַרפּאַקט ווי צום טראַנספּאָרט. עס קומט די גרופּע אַרבעטער אין דער מיץ־פאַבריק. אויף אַ ספּעציעלן פאַך־געשטעל טראָגן זיי שטויסן שאַכטלען און פלעשער מיט דעם זיסן געטראַנק. עס קומט די יוגנט־דעלעגאַציע — ביכורים פון זייער ווירטשאַפט ברענגען זיי. צוויי מענער טראָגן אויף די אַקסלען לעמעלעך. יעדע גרופּע איז אָנגעפירט פון איר עלטסטן. מיט טאַנץ־טריט קומען זיי צו צו דער טריבונע, צום דער־לאַנגען די ביכורים. זיי ווערן אויפגענומען מיט געזאַנג פון כאָר און אַ

ריטמיש געפּאַטשעריי פון דעם דריי טויזנט־קעפּיקן עולם. די גרופּעס ווערן מקבל־פּנים פון טענצעריננס אין לאַנגע, פאַרשידנפאַרביקע קיטלען און קאָלירטע ברייטע בלוזעס. טאַנצנדיק און פּויקנדיק באַגלייטן זיי די ביכורים־טרעגער אין זייער וועג צו דער טריבונע. זייער טראַט — איז מוזיק. זייערע פּנימער — צעשטראַלט פון חשיבות און ווערדע.

אַמאָל, לויט דער אגדה, פלעגן די לוויים, אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען, אַרויסגיין פון בית־המקדש־הויף, אַנטקעגנגיין די ביכורים־ברענגער, זיי אויפנעמען מיט געפּויקעריי, געזאַנג און טענץ. היינט ווערט עס אינסצעניזירט און פאַרגעשטעלט דורך די קיבוץ־חברים אין הויף, נעבן זייער חדר־האוכל.

ווידער שטיל.

עס ציט דאָס פליטל דעם טרום־ניגון. ס׳קומען פון אַלע זייטן די קינדער פון קיבוץ: די גרעסערע מיט דער אָנפאַנג־שול, די קליינטשינקע מיט דער פרעבל־שול, אַלע אויסגעפּוצט אין ווייסע קאָסטיומלעך, אין בלומענקרענצלעך אויף די קעפּלעך. אויך זיי קומען מיט ביכורים קיישלעך. זיי טראָגן שטייגלעך מיט הענדלעך, אָקערשט פון אינקובאַטאָר, נאָר־וואָס אויסגעפּיקט זיך פון די אייעלעך, צום איבערגעבן דעם עלטסטן אויף דער טריבונע. עס שטעלן זיך קינדערלעך אין גרופּקעס, אַ צורה פון אַ בלום שאַפן זיי, און זיי טאַנצן אויס אין פּאַנטאָמימע די פרייד פון בליען און וואַקסן. עס טאַנצט דער קרייז אין די קאָלירטע קיטלען, טאַנצט מיט עקסטאַז אַ לויב דער שיינקייט, דער ליכטיקייט. עס באַהעפטן זיך צום טאַנץ נאָך און נאָך גרופּעס. זייערע פּנימער פריידיק צעשטראַלט, אָנגעטרונקען מיט זון־שיין און אַרבעט און דערגרייכונג. נאָך לאַנג, לאַנג נאָכן צעגיין זיך פון די עטלעכע טויזנט צוקוקער, הילכט אָפּ אין דעם אַרום דער קלאַנג פון מעטאַל־סטרונעס און דער אָטעם־צי פון פלייטל מיט זיין דין, פאַרבענקטער, טיפער שטים...

געזען ירושלים

אײן טאָג האָט יאָסקע באַשלאָסן מצמצם צו זײַן די טעטיקײט זײַנע אין בויען הײזער און מער זיך אָפּגעבן מיט זיך:

— וואָס ווײסט ווער, ווי ס'וועט מאַרגן זיך שטעלן דער „יאַריד״!?...

בתיהן האָט ער דערקלערט:

— בעסער זיך אָפּשטעלן צו דער צײַט, ווי נאָך דער צײַט...

כדי די פרײַע צײַט זאָל אים נישט זײַן לאַנגווײַליק, האָט ער פאַרטראַכט ווידער צו מאַכן עקסקורסיעס איבערן לאַנד, ווידער פאַרבעטן פּנחסן ער זאָל מיטפאָרן — וואָס זאָגט ער, פאַרבעטן? — ער וועט עס פאַרלאַנגען פון אים. עס קומט אים! און באַזונדער איז פּנחסן נאָך קאַלט אין זײַנע ד' אַמות. פאַרטעמפּט איז אין אים ס'פּאַטאָס געפיל. אפשר גאָר נישט מסוגל אויפצונעמען שײנקײט?...

יאָסקע האָט אײַנגעזען, אַז פּנחס דאַרף זען ירושלים — זײ בײדע צוזאַמען דאַרפן זען ירושלים.

און אײנער דעם אַנדערן האָט דערמאָנט:

...אין די יאָרן ווען זײ זענען געגאַנגען אין חדר פלעגט דער מוכר־ספרימניק פון בית־המדרש, ר' זײַנוול, קומען אין חדר אַרײַן מיט אַ שפּאַקטיוו און וויזן בילדער פון ארץ־ישראל און ירושלים, דער עיר הקודש, דער הויכער ר' זײַנוול, מיט זײַן ברײטער באָרד און קינדיש פּנים, האָט געקריגן פון רבין אַ גריוונעקל. ער האָט דעם שפּאַקטיוו אַוועקגעשטעלט אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט, צוגעשטעלט דער רביצנס פוס־בענקלעך, כדי די ײנגלעך זאָלן דערגרײכן צום שפּאַקטיוו. ס'איז געווען

אַ קעסטעלע: פון איין זייט איז עס געווען האַלב־רונד און די קאַנטן אויס־געבעטן מיט געוואַנט, ס'זאָל זיין ווייך פאַרן שטערן. פון דער צווייטער זייט — אַ פיר־קאַנטיק רעמל. דאָרט האָט ער אַריינגעשטעלט די בילד־לעך. דורך דעם דיקן גלאָז איז אַלץ אַרויסגעקומען גרעסער און דייט־לעכער. ער האָט געוויזן די מערת־המכפלה, דער מוטער רחלס קבר — אהלס מיט קאַפּולן־דעכער. אין דמיון האָט זיך עס קיינער נישט געקענט מאָלן, און זעענדיק האָט זיך עס איינגעקריצט אין זכרון. ער האָט געוויזן די כותל־המערבי, געוויזן אַ בילד — אַ קעמל אין מדבר, און אויף צו האָבן גוטע חלומות, האָט ער געוויזן אַ בילד פון צווי לייט אין לאַנגע כאַלאַטן, אין טורבאַנען, ווי זיי טראָגן אויף די אַקסלען אַ שטענגל וויינ־טרויבן, וואָס האָט געהייסן: מען טראָגט „מעשר". כאָטש דאָס בילד איז זיי באַקאַנט געווען — געזען עס אויף די עטיקעטן פון פלעשער ווין, וואָס דער טאַטע פלעגט קויפן אויף יום־טובים, דאָך האָט דאָס בילד, געזען דורך דעם שפּאַקטיוו געהאַט מער חן. עס איז אויסגעקומען לעבעדיקער און מען האָט לאַנג אין דעם זיך איינגעקוקט.

אַן אַנדערש מאָל איז ר' זיינוול, דער מוכר־ספרימניק, געקומען פאַרשטעלן דעם משכן. ער האָט געבראַכט אַ קופּערל, וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט אַטלאַס און באַשלאָגן מיט ניקלנע ריגעלעך. כאָטש דאָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט ירושלים, האָבן אָבער זיי, די יינגלעך, שוין געהאַט פולע קעפּ וועגן דעם משכן — אין חומש איז עס דאָך פאַרבונדן געווען מיט ארץ־ישראל און די הערצלעך האָבן גע־צאַפּלט פון נייגעריקייט.

ביז דער רבי איז משווה געוואָרן מיט ר' זיינוולען פאַרן פאַר־שטעלן דעם משכן, האָבן זיי דערווייל באַטאַפּט דאָס קופּערל, זיך גע־מאָצעוועט אויפצושיבן די ריגעלעך. זיי האָבן שיער נישט צעטראָגן דאָס קופּערל. יינגלעך האָבן זיך געפרייט צו זען דעם „אהל־מועד", זיך גע־גרייט צו זען דעם כהן גדול, דעם „לחם־הפּנים". דער רבי, ווידער, האָט זיך געפרייט וואָס די יינגלעך געדענקען זיין לערנען. ר' זיינוול האָט

ווידער אַ מאָל גענומען דער רביצנס פוסבענקעלע, אויך די ברייטע טשאָלנט דאָניצע און אויפגעעפנט דאָס קופערל. אויף דעם דנאָ און אויף דער דעק זענען געווען צוגעקלעפּט קלעצלעך פון פאַרשידענער גרויס: קלעצ־לעך אַרומגענומענע מיט בענדלעך, גאַרטלעך אַזעלכע. אויף איין גרויס קלעצל — אַ בלאָ קאַפּל און אַ שילדל מיט צוועלף קעסטעלעך. די ייִנגלעך האָבן באַלד, אָן ר׳ זיינוולס דערקלערן, געזאָגט אַז ס׳איז דער כהן גדול אָנגעטאָן אין „חושן ואפד״: קליינע קלעצלעך אין קאַפּעלעך — „די פּיטשעניונקעלעך כהנימלעך״. אַ קעסטעלע פאַרדעקט מיט פּלוש, וואָס ער האָט פאַרגעשטעלט האָט ער אָנגערופן „אהרון־הברית״. ס׳זענען געווען טעצלעך און קריגעלעך, די „כלים״. דעם „לחם־הפּנים״, — די צוועלף חלות, האָט ער נישט געוויזן און די יאַטן האָבן געוואָלדעוועט: — „סטייטש! דער משכן אָן דעם „לחם־הפּנים!?...״

דער אייגענער מוכר־ספרימניק האָט געהאַט צו פאַרקויפן זעקעלעך מיט ירושלימער ערד, אַז ס׳איז אין שטאָט געשטאָרבן אַ גביר האָט מען אים צוקאָפּנס געלייגט אַ זעקעלע ירושלימער ערד. דער רבי האָט געזאָגט, אַז בעת תחיית־המיתים וועלן אַלע יידן פון גלות זיך קאָלערן קיין ארץ־ישראל...

מיט דער צייט האָבן זיי שוין געקענט אַלע תקופות פון ירושלימס גרויסקייט. פון דוד המלך און שלמה המלך, פון די נביאים, סנהדרין, חשמונאים און פון קמצא ובר קמצא, פון בר כוכבא, און בעת דער פּייע־רונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע פלעגן זיי זיך אָנטאָן בלוי־ווייסע שלייפלעך.

*

און איצט, נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט, זענען זיי ביידע צוזאַמען אין ירושלים, אין דער באַנייטער מדינת־ישראל. פופציק יאָר זענען נישט אַוועק אין איין טאָג. איינער האָט דערמאָנט דעם אַנדערן וואָס זיי האָבן געלערנט, וואָס געלייענט.

— „של נעליך מעל רגליך״! טו אויס די שיך און בלייב שטיין

אויף איין רגע אָן זיי! — האָט יאָסקע געזאָגט צו פּנחסן. ער האָט אויך אַזוי געטאָן, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל עולה געווען. און איצט האָט ער פּנחסן אָנגענומען ביי דער האַנט, אים געפירט, ווי פּנחס וואָלט זיין זון געווען.

ווי שטענדיק, אַזוי אויך איצט, האָט יאָסקע מיט איין בליק געוואָלט איינזאַפּן אין זיך דעם גאַנצן אַרום. מיט אַלע חושים אויפנעמען אַלץ. פון אַ הויכן טורעם האָבן זיי געקוקט אויף דער קייט בערג, אויפן הר־הצופים, אויף דער אַלט־שטאָט; דאָ אַ טויער, דאָרט אַ טויער! אפשר זענען זיך דאָרט צוזאַמענגעקומען די שופטים צו אַ משפט? אפשר האָט דאָרט דער נביא עמוס זיין מוסר געפּרעדיקט? אפשר האָט דאָרט ירמיהו געקלאָגט, געוואָרנט? אין זכרון האָבן זיך געמישט בלעטלעך פון תנ״ך. ווי נאָר זיי האָבן געזען אַ פאַרשוין אין אַ גאַרטל, האָט ער זיי דערמאָנט אין ירמיהו אין זיין „אזור הפשתן״. די טעראַסעס צווישן די בערג האָבן אין זייערע אויגן אויסגעזען ווי בעקענס מיט קרייטעכצער; די וואַלד־ביימער, וואָס רינגלען אַרום ירושלים, האָבן ווי די פּראַנדזן פון אַ גאַרטל זיך געוויגט. איינער דעם אַנדערן האָט דערמאָנט קאַפּיטלעך תנ״ך, תקופות פון אַ לעבן און קאַמף פאַר ירושלים. מיט אָפענע מיילער, ווי פאַרכישופטע זענען זיי געשטאַנען און געקוקט, און געגאַפט...

און ער האָט פּנחסן געפירט איבער די גאַסן — אַריין אין גערויש אין טומל פון וואָכעדיקייט; פאַרבייגעגאַנגען הייזער און שילדן, וואָס גלאַנצן ווי פּאַטשערקעס אויף אַ שנור. ער איז אַריין מיט פּנחסן אין וויר־וואַר פון איילעניש, פון איילנדיקע מענטשן, אַזעלכע, וואָס גאַרן נאָך וויסן און אויפטועז, און אַזעלכע, וואָס גלוסטן נאָך עשירות. זיי זענען נאָכגעגאַנגען די טריט פון פרומע, לומדים און תלמידים פון די ישיבות. זיי זענען אַראָפּ אין די טאָלן, אַרום די אַלטע שווערע מויערן פון פאַר־מאַכטע קלויסטערס זיך געדרייט. פון די בערג און הויכקייטן זעט מען ווי עס בלאַנקען אין אַ שלל פון פאַרבן די נייע הייזער פאַר די נייע עולים.

יאָסקע האָט געפירט פּנחסן איבער די שכונות. אויף די „תלפיות״

אַרויף — אין דער שלווהדיקער שטילקייט זיך איינגעהערט. אין קיבוץ רמת־רחל אַריין. צו די דראַט־פאַרצוימונגען צוגעגאַנגען — אַ האַנט אויסצושטרעקן און... אין אויסלאַנד איז די האַנט.

יאָסקע איז מיט פנחסן געפאָרן אין דער געגנט עין־כרם, אין הייזער־פענסיאָנאַטן זיך איינגעקוקט. ער איז אין אוניווערסיטעט־קוואַרטאַל אַריין, און זייענדיק אין ברייטן זאַל, ווו די פּראָפעסאָרן האַלטן רעפעראַטן, האָט יאָסקע געצויגן פנחסן:

— לאָמיר זיך אָוועקזעצן אויף אַ שטול צווישן די הונדערטער שטולן, כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט. ביז היינט, פנחס, ביז היינט נישט זוכה געווען צו זיצן אויף אַ שטול אין א יידישן אוניווערסיטעט! — האָט יאָסקע גערעדט, און דער עכאָ פון זיין קול האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אין די הונ־דערטער שטולן וואָס זענען איצט ליידיק געשטאַנען.

אין דרויסן, אויף דער גאַס, האָבן אַ גרופּע קינדער זיך געדרייט אין אַ רעדל און געטאַנצט. פּלוצלונג האָט פנחס זיך אַ דריי געטאָן, ווי אין אַ טאַנץ. יאָסקע האָט זיך דערמאָנט: דוד המלך האָט איינמאָל זיך צע־זונגען און צעטאַנצט אויף דער גאַס — „דוד מפזז ומכרכר" — שטייט געשריבן.

יאָסקע האָט אין דער יוגנט נישט געטאַנצט. ער פילט איצט ווי עס ברויזט אין אים אַ שטראָם פון טענער. ער באַוועגט מיט די פיס ווי אויסצוקלאַפּן עפּעס אַ טאַקט.

*

אין באַן־וואַגאָן, אויפן וועג צוריק אַהיים, האָט יאָסקע זיך געזעצט נעבן פענצטער, און פנחס האָט זיך געזעצט אַנטקעגן אים, אויך נעבן פענצטער, מיטן פּנים געווענדט צו ירושלים.

עס האָט זיך אָנגערוקט דער אָוונט. דער בלויער הימל האָט זיך ווי אָנגעשפּאַרט אין די בערג און מיט אַ געקאַרבטע זוים זיי צוגעדעקט. יאָסקע און פנחס האָבן שווייגנדיק זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט, זיך צוגעקוקט ווי בלויע נאַכט־שלייערן הילן איין ירושלים.

די גרויסע מסיבה

ווידער רעשיק און ליכטיק אין אַלע צימערן פון יאָסקעס וווינונג. עס ברענען אַלע לאָמפּן אין די זשיראַנדאָלן און אין די קינקעטן אויף די ווענט. דאָס מאָל זענען דאָ אַ סך געסט: פרויען און מענער. מען רעדט און מען סודעט זיך — גאָרנישט צו פאַרשטיין די סיבה פון דער מסיבה!? גאָרנישט קיין געוויינלעכער מאָלצייט, — אַ קעלנער אין אַ סמאָקינג גרייט דעם טיש! אַלע געסט זענען אין בגדי־חג. די פרויען אויסגעשלייערט לויט דער לעצטער מאָדע, אויסגעצירט אין שמוק: בריליאַנטן אין די פינגער־רינגלעך, בריליאַנטן אין בראָשקעס אָנגעהאָנגענע אויף די קליידער. עס גלאַנצן פּליכצוואָטע קעפּ, גראָ־האָריקע און שוואַרצהאָריקע קעפּ, אויס־געפּעצטע פון בריליאַנטין. פון ראַדיאָ פליסן שטילע קלאַוויר־טענער. די געסט — אַלע יאָסקעס קרעדיטאָרן און זיינע היימישע בוי־אונטערנעמער. טייל זיצן אין די פאָטעלעכלעך וואָס אין יאָסקעס קאַבינעט; טייל זענען אויף דער טעראַסע און קוקן אַראָפּ אין גאָרטן אַריין, וואָס איז איצט ספּעציעל באַלויכטן מיט קאָלירטע לאָמטערנעס. געסט, וואָס קענען זיך שוין נישט פון היינט, פירן זיך זייער אַלטן שמועס וועגן קאָניונקטור און אויסזיכטן אין ווירטשאַפט־פּלענער. איינער רויכערט אַ ציגאַר, אַ צווייטער בלאָזט לייכט דעם רויך פון סיגאַרעט.

יאָסקע, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קאָסטיום, זעט אויס ווי אַן אַקטיאָר, אַ „סטאַר" פאַרן אויפטריט אויף דער סצענע, אָבער זיינע אויגן זענען ווי באַשוועדט פון אַן אומעט. ער שמועסט מיט דער פרוי נעמי, וואָס איר מאַן האָט דער ערשטער אויסגעשטעלט יאָסקעס דעפּאָזיט טשעקן אויף

איינצוקאַסירן זיי אין איין טאָג. נעמי איז אין איין הייך מיט בתיהן. זי רעדט וועגן מאָדערנעם טעאַטער, אַן גרים:

— האַמלעט קען מען שפּילן אין אַ ספּאָרט־העמד! — זאָגט זי.

יאַסקע איז נישט אינגאַנצן מסכים מיט איר מיינונג:

— שמשון הגיבור אַן לאָקן איז דאָך נישט יענער שמשון הגיבור, — זאָגט ער.

בתיה, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַן אויסגעשניטענער פּלייצע, כמעט ביזן רוקן, איז פאַרטאָן אין צוהערן זיך וואָס עס רעדט די פרוי צילה. זי איז די ייִנגסטע צווישן אַלע פרויען. זי האָט זיך טלעגירט אַ פּאַס האָר אויף ווייס, כדי צו זיין אָריגינעל און אויסצוזען אַ ביסל „מבוגרת" (עלטער). זי דערציילט: — איר שכנטע פון אַנטקעגנאיבער צעלייגט זיך אָפּט אויף דער טעראַסע, אויף אַ שטול און כראָפּעט, אַז די גאַנצע גאַס הערט עס. און אַ צווייטע שכנטע האָט זי — קלייד זי זיך אויס צו גיין אויף אַ קאָנצערט אין עסיק און אין האָניק. אין טעאַטער שלאָפט זי און נאָר ווען דער פּויקער גיט אַ זבענק אין דער פּויק, וועקט ער זי אויף פון דרימל.זי האַלט נישט, צילה, אַז איר עוזי איז צו דיק און דאַרף זיך אָפּצערן, אַוודאי נישט דורך „וועג׳יטעבל"־דיעטע. לויט איר, ווערן אַלע, וואָס האַלטן זיך אָפּ פון עסן פעטס, נאָך אין דער פריער יוגנט — פּרושים...

דער קעלנער, אין אַטלעסענעם גאַרטל־פּאַס, האָט זיך פאַרנייגט פאַר בתיהן, ווי געזאָגט: ער פאַרבעט צום טיש.

אַלץ איז צוגעגאַנגען קאָרעקט און מיט טאַקט: די מענער האָבן אָפּגעגעבן די פרויען „דאַמען ערע" — נישט אַוועקגעזעצט זיך ביז די פרוי האָט זיך נישט געזעצט. יעדער פון זיי האָט געוואַרט אַז דער קעלנער זאָל אָנגיסן געטראַנק אין זיין כוס. הגם ס׳איז נישט אָפּגערעדט געווען צו האַלטן טאָאַסטן, האָט דאָך מאנדל זיך אויפגעשטעלט צו רעדן. ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט די ערשטע ווערטער, דעם „שבת אחים יחד" ־ס׳זיצן ברודעריש ביי איין טיש), האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דערוואַרעמען. זיין פליך־שיידל איז פאַרלאָפן מיט ראָזעווודיקייט. ער האָט זיך געגלעט מיט דער

האַנט דעם קאָפּ און אויסגעדריקט זיין ווונטש: „אַז ס׳זאָל אַלעמען, ווי איינעם, געגעבן ווערן דער כוח צו פאַרשטאַרקן די בוי־טעטיקייט, וואָס עס וועט העלפן פאַרווירקלעכן דעם רעגירונגס־פּלאַן אויפצולעבן דעם מדבר, דערמעגלעכן אַ לייכטע קליטה פון נייעם עולה.

נאָך איידער מאַנדל האָט געענדיקט, האָט מיטן כוס אין דער האַנט, גרייט צו רעדן, זיך אויפגעשטעלט ליבשאַפּט. ער האָט נישט געקענט אויס־דריקן אַזאַ ווונטש ווי מאַנדל, מחמת ער האָט צו אַלע דאָ, זיינס גלייכן, געהאַט איין טענה — דאָס אויסכאַפּן איינער דעם אַנדערן אַן אונטערנעמונג. ער האָט זיך געוווּנטשן פריידלעכקייט בינו לבין רעוה. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט — גערעדט, כדי צו ווייזן דער פרוי זיינער, אַז ער שטייט נישט אָפּ פון מאַנדלען. מיט זיין דין קול האָט ער געשלאָגן פּעסטע אַקאָרדן; ער האָט מרמז געווען, אַז מאַנדלס רוף איז נאָר פּאָזע, ווייל דער אינטערמעצאָ איז דאָך דער „זיך״. ער האָט ווי אַרויסגערופן יאָסקען צו רעדן: „כאָטש ער ווייסט נישט, וויל ער זיך משער זיין, אַז יאָסקע איז לעצטנס געשטאַנען פאַר אַ גרויסן נסיון״.

נאָר יאָסקע האָט געשוויגן. זיין פּנים האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו ענטפערן אויף געשטעלטע פראַגן. ער האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט אָפּצוּוואַרטן אַ פּאַסיקן מאָמענט פאַרן רעדן. חוץ דעם האָט ער זיך אָפּגעהיטן זיך נישט אויפצורעגן, נישט אויפצורעגן זיך! — דאָס דערהאַלט דאָך אים זיין געזונט!... און דאָס וואָס ער האָט בדעה געהאַט זיי צו זאָגן, האָט ער שוין געפאַרעמט אין געדאַנק, זיך באַמיט אַז די אויסדריקן זאָלן אויסקומען גלאַטיק, ער זאָל זאָגן שאַרפע ווערטער, וואָס זאָלן יעדערן פון די קרעדיטאָרן זיינע אָנרירן ווי מיט אַ שפּילקע, אָבער ס׳זאָל דאָך נישט הייסן אַז ער וויל פּוגע בכבוד זיין. ער האָט געטראַכט אָנצוהייבן מיט רמזים, איינצוּוויקלען זיינע ווערטער אין אַלעגאָריעס, און דער עיקר, אָנרופן דאָס קינד ביים נאָמען...

אויף וויפל די געסט זענען פאַרטאָן געווען אין עסן, האָט דאָך יעדער פון זיי, פון צייט צו צייט, געכאַפּט אַ בליק אויף יאָסקען, ווי זיי וואָלטן

זיך וועלן פאַרזיכערן, אַז זיי דאַרפן זיך נישט איילן און קענען הנאה האָבן פון דעם גוטן ביסן וואָס מען דערלאַנגט זיי.

עס איז דערלאַנגט געוואָרן קאַווע.

יאָסקע האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין איצטיקע באַוועגונג האָט אַלעמען פאַרוווּנדערט. טייל האָבן אַפילו אויפגעהערט מישן דעם צוקער און געקוקט אויף יאָסקען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אין טיש, כדי אויסצוזען מער געלאַסן און נישט איבערכאַפּן די מאָס. דאָס מאָל האָט ער אָפּגענייגט פון מנהג צו ווענדן זיך מיט אָנגענומענער אָפיציעלקייט.

— עס איז נישט קיין געבורטסטאָג־דאַטע — האָט ער אָנגעהויבן. — ס'איז נישט דאָס, וואָס יעדער פון די געסט, דאַכט זיך מיר, מיינט אַז עס איז!... ער וואָלט געקענט אין צוויי ווערטער זאָגן וואָס ער וויל זאָגן, און נאָר כדי מען זאָל אים נישט שלעכט פאַרשטיין, וועט ער נישט שפּאָרן קיין הקדמה. דערווייל ווייסט נאָר ער איינער דעם ציל פון דער מסיבה. (ביי די ווערטער האָבן אַלע אָנגעשטעלט מויל און אויערן) — ער וועט נישט אָנרופן דאָס קינד ביים נאָמען — „המבין יבין... ער וועט אָנרופן נעמען, סתם נעמען, והמבין יבין!... (דער פאַרשטענדיקער וועט פאַרשטיין) — האָט ער באַטאָנט. ער האָט אָפּגעהאַקט, האָט אַ שלונג געטאָן פון דער קאַווע, געכאַפּט אָטעם. — זיין רעדן וועט אויסקומען ווי אַ באַשולדיקונג, אָבער ער זאָגט דאָס נישט — המבין יבין!... האָט ער ווידער באַמערקט, אונטערשטרייכנדיק שוין צום צווייטן מאָל דאָס זעלבע וואָרט.

— אַז עמעץ, זאָל זיין אַז יאָסקע איז זיין נאָמען, האָט אין די דרייסיקער יאָרן זיינע, מיטאַמאָל, זיך אַ ווייז געטאָן, אַז ער קען ווערן אַ כוח — ברענגען נוצן נישט נאָר זיך... האָבן שמואל, מיכאל און יונה און גבריאל (נעמען, ווי געזאָגט, זענען איצט נישט וויכטיק), וואָס האָבן געהאַט די מאה און די דעה, זיך אַ לאָז געטאָן אונטערצושטעלן יאָסקען

אַ פּלייצע. הגם זיי האָבן קודם־כל, געזען אין דעם זייער אייגענע „פּראָס־פּעריטי", אַזוי צו זאָגן, איז דאָך אין מהות פון דעם אונטערשטיצן געווען פאַרוויקלט אַן אַלגעמיינער ענין — אַז מען בויט אַ הויז פאַר זיך, פאַר אַ יחיד, איז עס פּונקט אין סוף פּסוק; אַז מען בויט הייזער לרבים, ווערט די זאַך אַ כלל־זאַך און אונטערליגט כלל קריטעריום. אַלזאָ, יאָסקע האָט נישט מיסגעברויכט מיט דער אונטערשטיצונג פון די בעלי־דעה און מאה, וואָס האָבן אים אַרויסגעהויבן, אים געזונט געמאַכט אין דער חוט־השדרה — אים אויסגעהאָדעוועט און געמאַכט פאַר זייער טרייבקראַפט. זענען געקומען ראובן און שמעון, וואָס זענען מיט לאַנגזאַמע טריט, מיט קליינע טראַנזאַקציעס אַריין אין דער בראַנזשע, און זיך אויך אַנגאַזשירט אין יאָסקעס טעטיקייט. זייער דעה איז געווען: — יאָסקע ווערט טאַקע געשטעלט אויף נאָך אַ שטאַפּל העכער אין דער לייטער פון עשירות, אָבער אויך זיי וועלן געקרעפטיקט ווערן פון ריווח פון אומזאַץ. וכך היה! יאָסקע איז געוואָרן דער כוח אויפצושטעלן „זיילן" און זאָל נישט אָפּהענגיק זיין אין וועמען פון דער חברה. נאָר דאָס ראָד פון דער לאָגיק האָט זיך ווי אויסגעקרימט. די חברה האָט זיך אַרומגעזען: אויב עס וועלן זיך מערן די דעה־זאָגערס, וועט די טרייבקראַפט — יאָסקע — זיך זיי אַרויס־גליטשן פון די הענט. דאַן איז דער שווער־פּונקט געוואָרן יאָסקע. נישט ראובן און שמואל, וואָס ווילן אַרויסנעמען דאָס כלי־זיין פון די הענט פון די גרויסע, נאָר יאָסקע, וואָס דורך אים קען דער קליינער סוחר אויך באַרעכטיקן זיין עקזיסטענץ. און עס האָבן, ווי עס האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן, די מענטשן: שמואל, מיכאל און יונה און גבריאל באַ־שלאָסן, דאָס וואָס זיי האָבן באַשלאָסן — אָפּצורייבן דעם גלאַנץ פונעם פינטעלע, וואָס איך האָב עס אָנגערופן — „יאָסקע"...

ס'איז געקומען אַ צייט און דער יאָסקע האָט באַשלאָסן מצמצם צו זיין די טעטיקייט אין דעם בוי־וועזן. ער האָט אַ סך פון זיינע אָפּמאַכן איבערגעבן סטאָלערן, אַפילו מאַטעריאַלן אים איבערגעבן, דער כוח — יאָסקע, פאַלט אָפּ!... האָבן שמואל, מיכאל און יונה און גבריאל, איינער

דעם אַנדערן די ידיעה זיך איבערגעגעבן, אַ בהלה צווישן זיך געמאַכט און גענומען קלערן ווי אַזוי זיך צו פאַרזיכערן די חובות.

— יאָסקע איז שוין אַמאָל אַוועקגעפאַלן אויפן האַרץ! אונדזערע חובות אַן אפס! וואָס קען ער וויסן, וואָס מיט דעם מענטש קען געשען?! — איז מיט דער נייעס שמואל געלאָפן צו מיכאלן און יונה צו גבריאלן, וואָס זענען שוין אין איין חברה געווען געבונדן, — אונדזערע חובות וועלן נישט ווערט זיין קיין אויסגעבלאָזן איי! — האָט איינער צום אַנדערן גערעדט און געשראָקן.

— יאָסקע גיט איבער סטאָלערן ס׳רוב פון זיינע סחורות אין לאַגער, כדי צו דערקלערן זיך באַנקראָט און דאָך בלייבן ביי זיין קאַפיטאַל! — האָט אַ צווייטער געבראַכט ראות. דאָס איז געווען דער גרעסטער ליגן! דאָס איז אָבער געוואָרן דער אַנגעזעענסטער אַרגומענט און מאָטיוו צו העצן און אָנרייצן די „וועלף“ אויף צו פאַרצוקן דעם יאָסקען.

— יאָסקע גרייט זיך צו עמיגרירן! — איז אויף איינער פון אַ פאַרזאַמלונג גערעדט געוואָרן! און די צעהיצטע געמיטער זענען שוין נישט איבערקלייבעריש געווען אין וועגן: איינער האָט די דעפּאָזיט טשעקן געגעבן צום אינקאַסירן, אַ צווייטער האָט אָנגעגעבן אויף משכנתא פון הויז, אַ דריטער איז געגאַנגען נאָך ווייטער — ערבות אין ווערטזאַכן געפאָדערט.

געשעצטע געסט, אַ קאָלעקטיוועך אָנפאַל אויף איינעם קען דעם שטאַרקסטן דערדריקן, און עס האָט קיינער נישט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש! עס האָט יונה (ער האָט זיך פאַרגעסן און אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ נאָמען פון די אַנוועזנדע) זיך נישט דיקטירט מיטן געוויסן, אַז ער קען חלילה וחס זיין אַ גורם פון אַ קאַטאַסטראָפע. קיינער האָט נישט געוואָרנט פאַר דעם!... נישט געזאָגט „וואָרט“! נעמט אַוועק די הענט!...

בעת יאָסקע האָט גערעדט האָט געהערשט אַן איינגעהאַלטענע שטילקייט. יעדער פון די אַנוועזנדע האָט זיך געזען אין דער חברה פון

די „וועלף". יעדער האָט געפילט די בושה וואָס יאָסקע וואַרפט פאַר און אונטערגעשפּאַרט זיך מיט די הענט, פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים און נישט געוואַגט איבערצורייסן יאָסקען זיין רעדן.

האַלבער נאַכט. אַ ווינטל בלאָזט אָן די פאַרהאַנגען ווי אַ באַלאָן. עס איז שטיל אויף דער גאַס. די גאַס שלאָפט און יאָסקע רעדט נאָך און רעדט...

ש כ נ י ם

אַ לעבן אויפסניי

נחמן, דער שפּיגלמאַכער, האָט פּאַר עטלעכע יאָר זיך אַרויס־געצויגן פון בית־משותף און זיך אויפגעבויט אַ וווינונג פאַר זיך, אַזוי ווי בערטע, זיין פרוי, האָט געוואָלט.

ס׳איז אַ באַזונדער הייזל מיט אַ סך פענצטער, כדי ער זאָל האָבן לופט פון אַלע זייטן און פון וועלכער זייט ער וועט נאָר וועלן.

נחמן האָט דאָס הייזל אַרומגענומען מיט אַ גערטנדל. אין דעם גערטנדל האָט ער פאַרפלאַנצט עטלעכע פּרוכטביימער, אַזוי ווי אין אַלע גערטנדלעך אין דעם קוואַרטל, וואָס איז דער סימן־מובהק פאַר דער שכונה.

אַלע שכנים באַאַרבעטן אַליין זייערע גערטנדלעך. נחמן — נישט. ער, דער הויכער, ברייטפּלייציקער און אַטלעטיש געבויטער, קען נישט אַרבעטן ביי ערד, אַפּט דושעט אים די שווערע אַסטמע, וואָס האָט זיך אַנגעטשעפּעט אין אים — מען קען זאָגן, ממש אין דער לעצטער שעה פאַר דער באַפרייונג — פאַרן אויפפראַלן פון די לאַגער־טויערן.

נחמן האָט צוגענומען זכריהן, דעם תימנער, ער זאָל זיך מטפל זיין ביי דעם גערטל און די פּרוכטביימער, אָבער שוין אַ צייט ווי נחמן האָט באַמערקט אַז זיין גערנדל איז אַ סך אָפּגעשטאַנען פון די גערטנדלעך אין דער שכונה — און דער עיקר, די פּרוכט־ביימער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וואַקסן. נחמן האָט געטראַכט פאַרשידן: — אפשר איז דער בוים אַזאַ מין — „אַ קאַליקע?", אפשר איז גאָר זכריה נישט דער ריכטיקער מענטש צו דער אַרבעט?...

און דער אויסזען פון דעם גערטל האָט שטאַרק באַשווערט נחמנס

רעיונות. בייטאָג, ביי דער אַרבעט, האָבן אין די שפּיגלען זיך אים געוויזן ביימער־געמעלן — אויסגעסאָכניעטע, פאַרצויגענע מיט שפּינוועבעכץ. ביינאַכט האָט ער געהאַט שווערע חלומות: אַ טשאַטע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע קאַליקעס זענען מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ביימער און מיטאַמאָל אַוועקגעפאַלן און געבליבן ליגן... אינדערפרי האָט בערטע אים געזאָגט, אַז ער האָט ביינאַכט גערעוועט און זי איבערגעשראָקן.

ווי עס איז נישטאָ קיין מנוחה פון אַ וואָקלדיקן צאָן אין מויל, אַזוי האָט נחמנען נישט צורו געלאָזט דער אויסזען פון די פּרוכט־ביימער אין זיין גערטנדל. פון זיין יעדער מינע האָט מען ווי געקענט אַרויס־לייענען:

— נישטאָ קיין נחת פון די פּרוכט־ביימער. נישטאָ קיין נחת!...

איינמאָל, אַ שבת אינדערפרי, האָט נחמן געזען לייזערן דעם קאָ־סאָקער שטיין אין זיין גערטנדל און באַוואַסערן, האָט ער זיך אָנגענומען מוט, זיך אַ גלעט געטאָן זיין גערדיכטע טשופּרינע און צושפּאַנענדיק צום פּלויט פון לייזערס גערטל, אַריבערגערעדט צו אים:

— שכן, וואָס זאָגסטו נישט צו די ביימער מיינע?

— וואָס זאָל זיין מיט דיינע ביימער? — האָט לייזער געפרעגט, און זיין שיקלבליק איז נאָך געוואָנדן געווען צום שטראָם וואַסער וואָס האָט געזעצט דורך דער גומי־קישקע, כאָטש ער האָט געקוקט אויף נחמנען.

— זיי גיבן נישט קיין פּרוכט! — האָט נחמן געזאָגט אין פאַר־לעגנהייט.

— נאָך יונג! — האָט לייזער געגעבן אַ פּסקן אָפּ.

— דיינע ביימער גיבן שוין יאָ פּרוכט.

— ס'אי נישט צו נעמען קיין ביישפּיל.

— ס'וואַרפט זיך אין די אויגן, לייזער!...

— מען דאַרף נישט קוקן וואָס ביי יענעם!...

— ס'איז דאָך די זעלבע וואָס דיינע!?...

— איך האָב אַריינגעלייגט אַ סך מי!

נחמן האָט אָפּגעזיפצט:

— און זכריה אַרבעט דאָך אויך, און דאָך...

— מען דאַרף נישט צופיל אַריינטראַכטן. צייט, צייט וועט אַלץ מאַכן!... האָט לייזער געזאָגט, כדי נחמנען צו באַרויקן.

נחמן איז אַוועקגעגאַנגען. ער איז נישט געווען צופרידן פון שמועס מיט לייזערן. ער איז אַרויף צו זיך אויף דער טעראַסע, זיך אַוועקגעזעצט אויפן וויגשטול, פאַרמאַכט די אויגן — נישט צו זען דעם אַרום, צו פאַרגעסן אַז ער האָט עפּעס געוואָלט פון שכן, און דיביימער אין גערטל איבערלאָזן פאַר דער „צייט", ווי לייזער האָט געזאָגט.

נחמן האָט געוואָלט רוען. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דעם שטול ס'זאָל אים זיין באַקוועם. זיין בערטעס הינטל האָט זיך אים געלייגט נעבן זיינע פיס. ס'צפון־ווינטל האָט אים געפאָכעט איבערן פּנים און ער האָט פאַרלייגט דעם קאָפּ איינצודרימלען. אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען לייזער מיט נאָך צוויי שכנים פון דער שכונה: איסר, דער איינבינדער, און אשר, דער אַגענט אין אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט.

אין דער ערשטער רגע, ווי נחמן האָט דערזען די שכנים, איז ער אַביסל מבולבל געוואָרן. ער האָט געמיינט אַז זיי קומען וועגן סכסוך וואָס ער האָט געהאַט מיטן שכן מאַשקאָוויטש, אַז זיין בערטע זאָל ס'הינטל האַלטן אויף דער קייט.

— נחמן, — האָט לייזער מיט געבעט זיך געוואָנדן צו אים — איך בין געווען אומרויק וואָס איך האָב דיר באַרויקט. איך בין אַ קנאַפּער מבין אויף ביימער. אָט האָסטו דאָ זיי: איסרן, אשרן. אויך איך פרעג ביי זיי אַן עצה. זיי האָבן ליב צו העלפן, זענען געניטע סאַדאָווניקעס. פון זייער „שחיטה" מעג מען עסן... האָט לייזער צוגעגעבן, כדי צו הייבן זייער חשיבות.

נחמן האָט דערהערט אַז ס'איז וועגן די ביימער, האָט ער ברייט

אַ צעפּיר געטאָן די הענט און אַ צופרידענער אויסגערופן: „בבקשה! בבקשה!"

איסר און אַשר —ביידע שוין מיט אויסגעקרימטע פּלייצעס פונעם פּעקל יאָרן און דאָך פול מיט יוגנט־פּלייס, זענען באַלד אַריין אין נחמנס גערטנדל. זיי האָבן באַקוקט דיביימער, האָבן באַטאַפּט די ערד, אָנגערופן וואָס פאַראַ מין ערד דאָס איז. זיי האָבן אַרויסגעוויזן מבינות.

נחמן האָט זיי געבעטן אַרויפצוקומען אויף דער טעראַסע — בערטע וועט מכבד זיין מיט קאַווע. צוערשט האָט מען גערעדט וועגן דער שכונה גופא. זיי האָבן דערמאָנט וואָס פאַראַ וויסטער מדבר דאָ איז געווען — קיין שפּאַן גלייכער באָדן נישט געווען. קיין גרעזל האָט דאָ נישט געשפּראָצט, און איצט זענען די הייזער אַרומגענומען מיט גערטנדלעך — ממש איינגעהילט אין גרינס. זיי זענען געווען די ערשטע וואָס זענען אַרויף אויף דער ערד דאָ. מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן נחמנס גערטנדל. נחמן האָט דערציילט:

— ווען כ׳האָב פאַרפלאַנצט די ביימער זענען זיי „פּיצלעך" געווען — דאַרע גופלעך, ממש ריטלעך — קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן!...

— ווער האָט אויסגעקליבן דעם שתיל?

— איך! איך אַליין!

— און דו האָסט פאַרפלאַנצט?

— אין דעם וואַרעמען בויך פון דער זאַפטיקער ערד האָט דער שתיל גוט זיך אָנגענומען. די שוואַכע וואַנצנפאַרמדיקע בלעטלעך זענען געוואָרן פלײשיק.

— נאָרמאַל, ווי עס דאַרף צו זיין, — האָט אַשר געזאָגט.

נחמן האָט זיך באַרימט:

— נאָך נישט אַלץ! נאָך נישט אַלץ! מען האָט אַרומגעשטעלט אַרום זיי לייוונטענע געצעלטן — אויסצוהיטן זיי פון בייזע ווינטן.

— און חוץ דעם ? — האָט אַשר געפרעגט און אַ האַסטיקן זופּ געטאָן די קאַווע.

— מען האָט געמאַכט אַרום זיי ברייטע „טעלערס“ — וואַסער אַנצוגיסן, אַז זיי זאָלן האָבן, ווי אין פּסוק שטייט: „ושאבתם מים בששון!“... זיי האָבן געקראָגן אָרגאַניש מיסט, קינסטלעך מיסט — „ביד רחבה“ דערלאַנגט. די יונגע „שניעקעס“ האָבן צווישן אַ בני־בי זיך צעצויגן אין דער הייך, זיך צעשפּרייט אין דער ברייט. די געוועזענע „הור־הו כניקעס“ זענען באַוואַקסן געוואָרן מיט בלעטער, ווי אַ פיש מיט שופּן. זכריה האָט געזאָגט אַז כ׳האָב געטראָפן מיט די „תכשיטלעך“...

— האָסט נישט באַמערקט, צי האָט נישט אַ וואָרעם זיך געגראָבן אַרום דיביימער? — האָט אשר געפרעגט און איסר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — מסכים געווען אויף דער פראַגע.

נחמן האָט עפּעס מיטאַמאָל דערפילט ווי ער וואָלט שטיין פאַר אַ בית־דין און ער האָט געוואָלט אַ זאָג טאָן: נישט משפּטן, אָבער די ווער־טער האָבן נישט גערירט די האַלדז־סטרונעס. ער האָט זיי אַראָפּגעשלונגען.

— מסתמא נישט באַמערקט, — האָט לייזער זיך אָנגערופן.

נחמן האָט אָפּגעדעכעט און נישט אָפּגעלאָזט פון טאָן:

— איינמאָל — אַ באַגינען איז עס געווען — האָב איך דערזען די ביימער באַשאָטענע מיט בליעכץ און די קנאָספּן, ווי אין עפּעס אַ „ויצעקו“, האָבן אויפגעעפנט די פּיסקלעך צו טוי און זון, כ׳בין זיכער געווען — ס׳פּיקן זיך פּירות.

— לבסוף?

— נו, ווי איר זעט!

— האָסט אַמאָל געמאַכט אַ גיזום?

— געמאַכט! זכריה האָט געזאָגט מען דאַרף אָנפרעגן ביי אַ גנן — עלהיי אַ דאָקטאָר... אַז מען דאַרף אַ דאָקטאָר איז נישט שייך קיין קשיות. כ׳בין אַוועק, געברענגט אַ גנן אַ בעל־נסיון. פון אַן אַרבעט אים אַוועק־גענומען. אין „טעמבל“־היטל איז ער געקומען. ער האָט געזאָגט:

— „גיזום! גיזום!“

איך אַליין האָב נאָכגעקוקט זיין אַרבעט. ער האָט געציטערט נישט צו פאַרשניידן צופיל די צווייגן — די ביימער זאָלן נישט פאַרלירן זייער צורה און ווערן „לייטישע“ ביימער.

— און נישט געוואָרן?...

נחמן האָט דערפילט אַז מען וויל אים קריטיקירן. ער איז שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטער. עטלעכע רגעס געקוקט אויף לייזערן, כדי צו טרעפן זיך מיט זיין בליק, ער זאָל אים אונטערזאָגן וואָס צו ענטפערן, איז דאָך לייזער אַ שיקלדיקער, האָט ער מיט זיין בליק נישט געטראָפן. ער האָט געקוקט אויף איסרן — אפשר וועט ער פון זיין שמייכל אַרויס־דרינגען וואָס צו זאָגן? איסר איז אָבער געזעסן ווי איינגעקורטשעט, דעם קאָפּ אַריינגעצויגן צווישן די אַקסלען און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער אַליין איז אין אַ פאַרלעגנהייט.

מיטאַמאָל האָט אַשר זיך אויפגעשטעלט. ער איז אַראָפּ פון דער טעראַסע, איז אַריין אין גערטנדל. איסר און לייזער זענען אים נאָכגע־גאַנגען. זיי האָבן ווידער באַקוקט די ביימער, באַטאַפּט די ערד, די בלעטער. נחמן האָט געהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך, טענהן זיך אויס איינער מיטן אַנדערן. אשר האָט געכאַפּט אַ לאָפּאַטע און געפּרוווט גראָבן אַרום אַ בוים, נישט טיף געגראָבן און אַ רעזיגנירטער אַוועקגעלייגט די לאָפּאַטע.

— נחמן! די ביימער האָבן נישט קיין וואָרצלען — אַ שאָד די מי... האָט אַשר געזאָגט צו אים באַלד ווי ער, איסר, און לייזער זענען צוריק אַרויפגעקומען צו אים אויף דער טעראַסע.

נחמן איז זיצן געבליבן אַ צעטומלטער. ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און האָט שטאַמלענדיק איבערגעפרעגט:

— נישטאָ קיין וואָרצלען?...

— וועסט פאַרפלאַנצן אַנדערע, אַנהייבן אויפסניי. ביי אונדז הייבט

מען אָפּט אָן אויפּסניי. דיין גערטנדל וועט נישט זיין אַנדערש פון אַלע גערטנדלעך אין דער שכונה.

נחמן האָט נאָר מיט איין אויג געקוקט אויף די שכנים. ס'צווייטע געהאַלטן פאַרקוועטשט ווי ער וואָלט כלל קיין אויג נישט געהאַט. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די האַנט ווי ער וואָלט זאָגן: ניין! ער וועט נישט אָנהייבן אויפּסניי! און ער האָט זוי געבייזערט זיך אויף זיך אַליין. — צי לעבט ער דען כדי תמיד נאָר אָנצוהייבן אויפּסניי!?... בערטע האָט געוואָלט דאָס הויז, כדי אָנצוהייבן אַ לעבן אויפּסניי! חתונה געהאַט מיט בערטן — אָנצוהייבן אַ לעבן אויפּסניי!... איצט מיט די ביימער — ווידער!... און ער האָט די שכנים שוין נישט געבעטן זיך זעצן.

*

פון יענעם שבת אָן האָט נחמן אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט די שכנים, אָבער אַשר איז אייניקע מאָל ספּעציעל צו אים אַריינגעקומען און אים דערמאָנט:

— נחמן, עס קען אַזוי נישט בלייבן, נחמן!

נחמנען האָבן ווידער זיך גחלומט שרעקלעכע חלומות וועגן די ביימער. איין מאָל האָט ער אַ זיסן חלום געהאַט, ער האָט געזען: אַ בוים איז אים אַרויסגעוואַקסן אויפן קאָפּ, אַ שיינער בוים מיט פאַרשידענערליי פרוכטן און זיי האָבן געגלאַנצט מיט שפּיגל־שיין, וואָס האָט באַשיינט די גאַנצע שכונה. בערטע האָט צומאָרגנס אים איבערגעפרעגט: — „וואָס איז ביינאַכט געווען מיט אים די שמחה אַזוי גרויס, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט!?

דעם טאָג האָבן אַשר און איסר געהאָלפן זכריהן פאַרפלאַנצן אין נחמנס גערטנדל דריי נייע „שתילים" פרוכט־ביימער וואָס נחמן האָט געקויפט.

נחמן האָט מיט מונטערקייט אַרומגענומען זיין פרוי און מיט פרייד געזאָגט:

— בערטע, מען טאָר קיינמאָל נישט מיד ווערן!... לאָמיר ווידער אָנהייבן אויפּסניי!...

עוזר און גדליהו

דינה איז געזעסן אין אַ וויגשטול, אויף דער טעראַסע פון דעם פראָנט־צימער. דאָס קינד, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג צוריק אָנגעהויבן גיין, האָט אָנהאַלטנדיק זיך מיט די הענטלעך אין די שטול־לייסטן, גע־שפרייזט רונד־אַרום דינהן. עס האָט געשפּאַנט און געלאַכט. עס איז אין דעם דרייען זיך געווען שפּיל און אַמביציע פון גיין אַליין. דינה האָט דאָך מורא געהאַט, אַז דאָס קינד זאָל נישט פאַלן און זיך נישט אַ קלאַפּ טאָן, האָט זי דאָס מיידעלע גענומען אויף דער שויס. דאָס קינד האָט זיך געשפּילט מיט דינהס געלאָקטע האָר און זיי צעפּלאָשעט. עס האָט אויך געריסן די רויטע קרעל־אויערינגלעך, וואָס דינה האָט געטראָגן. זי האָט נישט פאַרוועדט דעם קינד דאָס שפּילן זיך. זי האָט זיך געשפּיגלט אין דעם פייכטן גלאַנץ פון קינדס אייגעלעך, זיך געקוויקט מיט דער ליב־טיקייט זייערע.

דעם טאָג האָט מען פון אַ מעבל־פירמע געבראַכט פאַר גיטל גוט, דער צווייטער שכנה, אַ טישל אין דער וווינונג אַריין. גיטל האָט אַרויפ־געשריען צו דינהן זי זאָל אַראָפּקומען אַ קוק טאָן וואָס פאַר אַ שיין טישל גדליה אירער האָט געקויפט! גדליה איז אויך געווען אין דער היים. גיטל און גדליה, זיי ביידע, האָבן דינהן אַריינגעפירט אין צימער, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס נייע מעבל־שטיק. גיטל האָט געלויבט איר גדליהן, זיין עסטעטישן געשמאַק, זיין איבערגעגעבנקייט און זאָרג פאַר דער וווינונג. דער גלאַנץ פון פאַרניר אויף דעם טישל האָט ווי געשפּיזט דינהן אין די אויגן, און עס האָט זיך איר געדאַכטן, אַז גיטל רייצט זיך מיט איר,

וואָס נישט עוזר איז דער מאַן, וואָס זאָל טראַכטן וועגן אויסזען פון דער וווּינונג זייערער. זי האָט זיך נישט געקענט באַהערשן נישט צו זאָגן עפּעס אַ לויב אויך וועגן איר עוזרן, און כדי זיך צו באַרימען, האָט זי געזאָגט, אַז עוזר אירער האַלט אין ווערן זעלבסטשטענדיק.

עוזר פלעגט שטענדיק קומען אַהיים נאָך פאַרן שלאָפן לייגן ס׳קינד, כדי זיך אַביסל אָנשפּילן מיטן טעכטערל. ער האָט פאַר דעם קינד געמאַכט משונהדיקע העווית: געמיאַוקעט ווי אַ קעצל, געקראָכן אויף אַלע פיר, כדי עס זאָל דינהן אָנקומען לייכט ס׳אָנקאָרמען די טאָכ־טער. דינהן איז דאָס אָבער ווייניק געווען. זי האָט זיך געגעסן פון קנאה צו גיטלען, וואָס יעדעס מאָל קויפט זיך יענע עפּעס נייעס. זי האָט געזאָגט עוזרן וואָס עס איז איר נאָר געקומען אויף דער צונג און פאַרגעוואָרפן אים, אַז ער קוקט נישט אויף איר אויסזען. אין איר פאַרדרוס האָט זי נישט איבערגעקליבן קיין ווערטער און געזאָגט אַפילו אַזוינס, וואָס איז נישט געווען אמת.

עוזר, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, אַ בעל גאווה, האָט בדעה געהאַט צו ענטפערן איר מיט אַ שאַרף וואָרט, נאָר דאָך עס נישט געזאָגט. ער האָט ליב געהאַט דינהן, תמיד געהאַלטן אין דמיון איר אויסזען מיט איר ערשטן שמייכל. ער האָט נישט געלאָזט זי זאָל ענדערן איר קעמען זיך. ער האָט בסדר געוואָלט זי זען אַזאַ ווי בעת דער ערשטער באַקאַנטשאַפט.

— וואָס ווייסט דו, דינהלע, וואָס גוט איז? — מעבל? צוליב דעם האָבן קרענקונג!? ע׳! פאַר געלט קריגט מען צו קויפן! — האָט ער מיט ביטול צוגעגעבן.

די נאַכט האָט דינה געזאָגט עוזרן אַלץ וואָס איר איז געלעגן אויפן האַרץ, וועגן אַלץ וואָס זי דאַרף און אויף וואָס ער גיט איר נישט קיין געלט. זי האָט אים אָבער נישט דערציילט וועגן איר באַרימען זיך פאַר גדליהן.

*

איין מאָל אין אַ מיטוואָך; עס האָט זיך געשטעלט אַ הייסער טאָג;

דער קיאָסק־איינגנטימער האָט שוין אַראָפּגענומען דעם לאָדן און דאָס ביידל געעפנט, האָט עוזר גענומען דאָס מוסטער־רענצל, כדי צו גיין צו אַ קונה. אין וועג האָט ער אָבער באַשלאָסן צוצופאָרן פריער צו דער פירמע פון דער פאַרטרעטונג — „אפשר אַ טעלעפאָן געווען צו אים? פאָרן אַריינגיין אין ביוראָ פון דער פירמע, האָט ער געטראָפן גדליהן אַרויסגיין און איז אים פאַרבייגעלאָפן ווי ער וואָלט אים נישט באַמערקט. אין ביוראָ האָט עוזר זיך דערוווסט, אַז גדליה באַמיט זיך צו קריגן פון דער פירמע אַ פאַרטרעטונג אין אַ ראַיאָן. אַ קאַלטער שוויס איז אים אַרויס אויף זיין שטערן. פאַרשידענע געדאַנקען זענען אים געקומען אין זינען: „לויפן צו גדליהן, פרעגן צוליב וואָס ער קריכט אים אין וועג אַריין? אָדער זאָל ער גאָר נאָכטאָן דאָס, וואָס גדליה וויל אים טאָן? — אָפּשלאָגן אים זיין פאַרטרעטונג?!

*

ווען עוזר איז אַרויס פון ביוראָ און צוגעגאַנגען צום שיידוועג איז ער שטיין געבליבן, פאַרקוקט זיך אויף דער געדיכטער באַוועגונג פון אויטאָבוסן, לאַסט־אויטאָס, אָנגעלאָדענע מיט משאות: אייזנס, פעסער, מאַשינען, צעמענט, מעל און מעבל. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און אַרויפגעהויבן פוןביידע זייטן בערגל, ווי אַ כישוף־ראָד וואָלט זיי געדרייט. ער איז אָנגערייצט געווען פון געדאַנק אָפּצוצאָלן גדליהן מיט דעם זעלבן, וואָס יענער וויל אים טאָן. אין אומגעדולד האָט ער זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף אַן אויטאָבוס. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ דורכלויפנדיקע טאַקסע און איז איינגעשטיגן.

דעם גאַנצן וועג האָט עוזר אין געדאַנק באַרעכטיקט זיין באַשלוס: — גדליה האָט געדאַרפט פרעגן צי ער וועט אים נישט ברענגען קיין שאָדן. וואָלט עס טאָן אַ פרעמדער, וואָלט עס אים נישט אַזוי פאַרדראָסן, אָבער גדליה, אַ שכן, מען קומט צו זיך ווי די בעסטע ידידים — האָר און נעגל קענען שטיף ווערן ביי יעדן, ווער עס וועט עס נאָר הערן!

ווען עוזר איז געקומען אין דער פאַבריק פון גדליהס פאַרטרעטונג איז געווען די צייט פון פרישטיק; די אַרבעטער זענען געזעסן ביי אַ לאַנגן טיש און זיך דערקוויקט ס׳האַרץ. עוזר איז אויפגענומען געוואָרן דורכן בעל־הבית. ער האָט זיך באַוויזן מיט פאַרשריבענע בלעטלעך אין די באַשטעלונגס־ביכלעך — אַ באַווייז אַז ער קען אַ סך אויפטאָן, דער־גרייכן גרויסע אומזאַצן.

דער בעל־הבית, אַ קליינגעוויקסיקער מיט אַ ברייטלעך פנים, האָט ווי זיין טבע, בעתן הערן עמעצן רעדן, זיך געביסן די נעגל און צוגעזשמו־רעט איין אויג. עוזר האָט גערעדט, אַז עס איז אים אַזש טרוקן געוואָרן אין האַלדז.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען עוזר איז ווידער געקומען אין דער פאַבריק פון גדליהס פאַרטרעטונג, האָט ער דאָרט געטראָפן אויך דעם שותף און איז דאָס מאָל שוין אַרויף אויף אַן אויסגעטרעטענעם וועג — שוין באַשטימט געווען צו געבן אים אַ קאָלעקציע.

*

סיי עוזר, סיי גדליה, האָבן האַלטנדיק די נייע מוסטער־רענצלעך, וואָס איינער האָט אויסגעכאַפּט ביים צווייטנס פירמע, נישט גוט זיך געפילט מיט זיי. עפּעס איז זיי פּיינלעך געווען צו קוקן אויף די קאָלעקציעס. דער עיקר האָט עוזר געהאַט צו זיך טענות — הלמאי האָט ער דאָס געטאָן? פאַרוואָס נישט גערעדט פריער מיט גדליהן? ער שטעלט זיך נישט פאָר ער זאָל קענען קוקן אים גלייך אין פנים אַריין.

עוזר איז געגאַנגען מיט די מוסטערן צו סוחרים. מען האָט אים נישט אָפּגעזאָגט, געגעבן באַשטעלונגען. נאָר זייענדיק ביי איין סוחר, ביים לאַנגוואָנציקן לייזער, און זעענדיק ווי ער האַלט אין דער האַנט אַ פלאַטשיקן סטאָליאַר־בלייער און ווישט מיט אים אויף דער האַנט אַהין און צוריק, ווי ער וואָלט שאַרפן אַ חלף, — האָט ער געהאַט דאָס געפיל אַז דער סוחר זאָגט אים: — דאָס וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן גדליהן איז

אַ שחיטה־שטיקל. און עוזרן איז פּלוצלונג דאָס מוסטער־רענצל אין דער האַנט שווער געוואָרן, נישט צו דערטראָגן...

עוזר האָט נישט געוואָלט דערציילן זיין דינהן, וואָס צווישן אים און גדליהן איז פאָרגעקומען. דינה איז אַרומגעגאַנגען מיט שטריקעכץ, אַרויפגעציילט אייגעלעך אויף די לאַנגע שפּיזלען. דאָ געקוקט צום קינד, דאָ זיך אַריינגעכאַפּט אין קיך אַריין, אַ בליק טאָן צי עס קאָכט דאָס עסן.

— פאַרציילסט נישט קיין אייגל, דינה? צי ווייסטו, אַז פון טאָן צוויי אַרבעטן מיט איין מאָל קען קיין איינע נישט אַרויסקומען ווי ס׳דאַרף צו זיין?

— דיין דאגה! — האָט דינה אָפּגעענטפערט מיט ביטול.

— מיר זענען דאָך איינס! נישט אַזוי? — האָט עוזר געפרעגט און זי אַרומגענומען.

— אַ מענטש אָן זאָרג ביסטו, אָן זאָרג! וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דיר און גדליהן? זיך געקריגט מיט אים, ברוגז געוואָרן? מעקלערס קומען מיט קונים צו באַקוקן גדליהס וווינונג, זיי ווילן זיך אַרויסציען — עפּעס איז דאָ געשען, און נאָר צוליב דיר!

ווען עוזר איז ס׳צווייטע מאָל געקומען צום לאַנגוואַנציקן סוחר, האָט ער זיך דערוווסט אַז ער האָט גערעדט מיט גדליהן און וויל מאַכן שלום צווישן זיי. אויף עוזרס פּנים האָט אויפגעלויכטן אַ שמייכל. ער האָט באַלד געגעבן זיין הסכמה.

פאַרנאַכט. די זון האָט געגידערט אין ים. די לאַנגע ווייסע בלומען, וואָס זענען געשטאַנען אין טיפּן בעכער אויפן טיש אין עוזרס עס־צימער, זענען ווי איינגעהילט געוואָרן אין אַ פלאַם. ער האָט געזען אין דעם ווי עפּעס אַ פאַקל בעת אַ פייערלעכקייט. עס האָט אים צעוואַרעמט און ס׳האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך פריילעכקייט און ער האָט איינגעזען, אַז נאָר דער שלום מיט גדליהן קען עס אים ברענגען.

דעם אָוונט האָט עוזר אָפּגעגעבן גדליהן דאָס מוסטער־רענצל. ווען ער איז געזעסן מיט דינהן ביים אָוונט־מאָלצייט, זענען גדליה מיט גיטלען אַריינגעקומען, מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס מוסטער־רענצל פון עוזרס פּאַרטרעטונג. ער האָט אויך מיטגעבראַכט אַ פלאַש וויין און זי אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— ס'איז גאַרנישט געווען! — האָט ער געזאָגט, ווערנדיק זיך מיט די הענט — נישט רעדן! נישט רעדן! עס איז גאַרנישט געווען!

— וואָס עפּעס פלוצלונג וויין? — האָט דינה געפרעגט מיט תמימות — איר ציט זיך טאָקע אַרויס?

— ניין, דווקא דערפאַר וואָס מיר בלייבן ווייטער שכנים! — האָט גדליה אויסגערופן.

ג א ס ן

מיין גאַס

די גאַס — מיין גאַס. מיין גאַס!?... עס רעדט זיך נאָר אַזוי... דאָ, אין הויז מיטן גאָרטן, וווין איך. דאָך איז די גאַס — מיין גאַס.

אונטערשיידט זיך מיין גאַס מיט עפּעס פון אַנדערע גאַסן? אפשר מיט דעם אויסזען.

יעדע זייט האָט אַן אַנדערן אויסזען, ווי אַ מטבע, וואָס האָט צוויי געמעלן. אין דער רעכטער זייט פון דער גאַס — אַ ריי פּאַרטער־הייזקעס אין אַ געמיש מיט שטאָקיקע. אין דער לינקער זייט פון דער גאַס ציט זיך אַ קורצע שורה דריישטאָקיקע, פלאַכדעכיקע הייזער. די אָ הייזער זענען אויפגעוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן... עס איז געווען אַ פאַרוואָרלאָזטער שטח ערד: בערגלעך אָן גראָז, טאָלן אָן גרינסן; פלעצער פון שטיינער און זאַמדן. מיטאַמאָל זענען אָנגעפאָרן „בולדאָזערס" („גראָבערס") און זיי האָבן צעטראָגן די בערגלעך, אויסגעגלייכט די טאָלן, משא־אויטאָס האָבן אָנגעפירט ציגל, צעמענט און אייזנס. ס׳זענען געקומען מויערער, זיי האָבן געלייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל, צוגעדעקט מיט סופיטן, דעכער, און עס זענען פאַרטיק געוואָרן די הייזער.

נאָך איידער די לאָקאַטאָרן האָבן זיך אַריינגעצויגן, האָבן די הייזער שוין געקריגן נעמען: „שיכון הקצינים", „שיכון המשפטנים", „שיכון האדריכלים".

אין דער לינקער זייט פון דער גאַס וועט שוין גאָרנישט צוקומען, אַלע פלעצער זענען פאַרבויט. גערטנדלעך און הויכעביימער גאַרטלען אַרום די הייזער. אַ שורה „פּריוועטס" שטייען פאַר די הייזער.

אין די דריי־שטאָקיקע שיכונים־הייזער וווינען אַדוואָקאַטן, דאָק־טוירים, אינזשיניערן. זייערע זענען עס די „דוג״, די „קרייסלערס״, וואָס שטייען פאַר די הייזער. דאָ וווינען אָפיצירן פון „צ. ה. ל.״: הויכוווקסיקע, ברייטפּלייציקע. כאָטש שטאָלץ איז זייער טראָט, דאָך האַלטן זיי זיך באַשיידן. עס וווינען דאָ אויך אינדוסטריעלער, מיטלמעסיקע. מען הערט נישט מען זאָל זיי פאַררעכענען צווישן די גרויסע, אָבער זיי וואַקסן כסדר, און ווי ווייט איז דען פון קליין ביז גרויס, אַז מען האַלט אין וואַקסן ?...

אין דער רעכטער זייט פון גאַס איז די אַזוי גערופענע „שכונת הפועלים״. עס וווינען דאָ היטלמאַכערס, מאָלערס, שלאָסערס, מויערער. נאָר איין סטאָליאַר האָט דאָ געביטן די פּראָפעסיע — איז געוואָרן אַ קרעמער. עס וווינט דאָ אַ תימנער מיט צוויי ווייבער און צוויי ציגן, אַ ייד וואָס הייסט קורח...

יעדן באַגינען קומען די ערשטע אַרויס אויף דער גאַס די צוויי ברידער היטלמאַכערס. זיי זענען ענלעך צו זיך, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער: צוויי בלאַסע פּנימער און אויף זייערע דיקע, קאַלטע ליפּן ליגט פאַרקלעמט אַ שמייכל, ווי זיי וואָלטן געלאַכט פון אַלע היטלען, וואָס זענען נישט געמאַכט געוואָרן דורך זיי. זיי קליידן זיך ווי אַ צווילינג: דעם זעלבן פאַסאָן היטלען, מאַנטלען פון איין קאָליר. נאָך זייער באַווייזן זיך פאַרט אַריין דער מילך־פאַרטיילער, ווי ער וואָלט נאָר אָפּגעוואַרט, אַז די צוויי ברידער היטלמאַכערס זאָלן עפענען די גאַס. ביז האַלבן טאָג הערט מען בלויז ס׳געזאַנג פון די קינדער אין „גן ילדים״. נאָך מיטאָג ווערט אַ רעש אויף דער גאַס. קליינוואַרג שפּילן אין פוטבאָל, רייטן אויף ראָווערן, גליטשן זיך אויף רעדלעך, אַ הענדלער מיט אַן אייזל אין אַ וועגעלע פירט אַרום „סאַברעס״ צו פאַרקויפן.

אָוונט.

די „פּריוועטס״ שטעלן זיך ווידער אין איין שורה פאַר די הייזער. עס צעצינדן זיך די לאָמפּן אויף די טעראַסעס. טייל איינוווינער רוען, טייל לייענען אַ צייטונג, טייל האָבן פאַרבעטן צו זיך געסט און מען

דערציילט זיך ווי פּוסט, מדברדיק דאָ איז אַמאָל געווען: אַ געגנט אָן אַ שאָטן, נאָך איידער ס'איז צוגעפאַלן דער אָונט. האָבן שוין שאַקאַלן גע־יאָמערט אונטער די פענצטער, ממש.

און היינט!?...

ווער עס קען נישט דעם נעכטן, קען נישט באַוווּנדערן דעם היינט... היינט!

ביז שפּעט אין אָוונט טאַנצן קינדער אויף דער גאַס, מענטשן רעדן מיט פולע מיילער. די שכנטע פון אַנטקעגנאיבער דערציילט אויפן קול, אַז זי קלייבט זיך צו קויפן אַ טעפּיך, — אַ פּערסישן טעפּיך. זי וויל רעדן „פּיאַניסימאָ", אָבער איר מעטאַלענע שטים קלינגט „פאָרטיסימאָ". אויף איין באַלקאָן זיצט אַ שילער און מאַכט די לעקציעס. אויף אַ צווייטן באַל־קאָן, ביי ליכט, וואָס לייכט קאַרג אַרויס פון אונטער אַ טיפן אַבאַזשור, זיצט אַ פּאָרפאָלק און הערט זיך איין צו דער מוזיק פון ראַדיאָ. אָפּט קומען פאָר צוויי שמחות מיט איין מאָל: אַ חתונה און אַ בר מצווה. פון די דעכער־טעראַסעס צעגייט זיך דאַן געזאַנג און שפּיל. עס מישן זיך צונויף טענער פון חזן־ניגונים און טאַנגאָ־מעלאָדיעס, פון אַן אַקאָרדיאָן און סאַקסעפאָן.

די גאַס רעדט... דער אויסזען רעדט... די צייט רעדט...

די גאַס אוריאל אַקאָסטאַ

אַ גאַס — אָדער זי „ציט" זיך, אָדער זי „ליגט". פאַר דער גאַס „אוריאל אַקאָסטאַ" איז ריכטיק די צווייטע באַצייכענונג: זי „ליגט" נעבן דער גאַס „עמק יזרעאל". ווי קומט עס אַז אוריאל אַקאָסטאַ, אַ זון פון אַן אנוסים־משפחה, וואָס האָט געלעבט אין אַמסטערדאַם, אין 16־טן יאָרהונ־דערט, איז קיינמאָל אין עמק יזרעאל נישט געווען און האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער מלחמה מיט די כנענים — זאָל ליגן נעבן עמק יזרעאל? — איז דער ענטפער: אויף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיות"... ס'אַ פאַקט. די „אוריאל אַקאָסטאַ" גאַס ליגט נעבן דער עמק יזרעאל גאַס.

אַ גאַס?...

ניין, אַ געסל. סך־הכל אַ צען הייזער אין איין זייט, און דאָס אויך — בערך, ווייל נישט אַלע הייזער זענען גאַנצע הייזער. אָט, למשל, איז צווישן צוויי הייזער אַריינגעקוועטשט, ווי אַ קלין, אַ קליינע הייזקע, אַ שטיקל וואַנט, וואָס באַווייזט, אַז דער בעל־הבית האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן „לויפן". נישט געהאַט קיין כוח צו דערציען דעם אָטעם, ווי די שכנים זיינע. עס קען דאָך נישט זיין, אַז ער האָט נישט געוואָלט בויען העכער, ווייל די טבע פון אַ מענטש איז נאָכצוטאָן אַנדערע, נישט צו בלייבן הינטערשטעליק...

עס איז שווער איבערצוגעבן דעם אויסזען פון דאָך איבער אַזאַ שטיקל הויז, און צי קען מען דאָס בכלל אָנרופן דאָך?...

די הייזער אויף „אַקאָסטאַ"־גאַס זענען באַהאַפטן איינס צום אַנדערן

פון זייער געבוירן אָן. אַ באַלקאָן לויפט נאָך אַ באַלקאָן. זיי זעען אויס ווי אַ שורה באַן־וואַגאָנען. פאַלט אַראָפּ אַ שטיק טינק — זעט עס גאָר אויס ווי אַ לאַטע. די הייזער זענען נישט צו הויך, און צו זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט די איינוווינער: מיטלשטאַנד, בעלי־מלאכות, קליינהענדלער — מענטשן מיט קליינע השגות און נאָך קלענערע אַמביציעס.

אין פאַרטער פון די הייזער — וואַרשטאַטלעך. ס׳רוב סטאָלער־וואַרשטאַטלעך, אַלערליי: מעבל־סטאָלערס, וויסע סטאָלערס און סטאָלערס נאָר מיט הובל. אויסצורעכענען ווי קליין עס זענען די וואַרשטאַטלעך לגבי גרויסע פאַבריקן, דאַרף מען זיין אַ גוטער קענער אין ברוך־צאָלן. דער ריח פון שאַרלאַך, וואָס די סטאָלאַרעס באַנוצן צום פּאָלירן די מעבל־שטיק, מישט זיך אויס אין געסל מיט די שאַשליק־ריחות, וואָס דער־טראָגן זיך פון דעם רעסטאָראַן פאַר מזרח־מאכלים אין דער „הקישון״ גאַס, און עס דוכט זיך, אַז ס׳געסל ליגט אויף אַ פּאַטעלניע און ריישט זיך. פאַראַן דאָ אויך אַ קאַמאַשן־שטעפּעריי מיט מאָדערנע מאַשינען און אַ מעטאַל־טאָקעריי — אָפּגעשטאַנען פון דער מאָדערנער טעכניק מיט היפּשע עטלעכע שאָק יאָרן. „קאָזעס״ — אַזוי רופט דער טאָקער אָן זיינע מאַשינדלעך. פון די „קאָזעס״ האָט ער זיך אויפגעבויט אַ הויז אויף איינער פון די צענטראַלע גאַסן... די אַקאָסטאַ־גאַס פאַרמאָגט נאָך דאָ אויך אַ ליכט־פאַבריקל, אַ טריקאָטאַזש־שטריקעריי, אַ שולעכל, וווּ מען כאַפּט אַריין אַ דאַווענען... און אַ פּאַרטיי־קלוב...

— איז אַקאָסטאַ־גאַס אַנדערש ווי אַנדערע גאַסן ?

— אַנדערש !

יעדן ווינטער, ווי נאָר ס׳פלעגן זיך אָנהייבן די רעגנס, פלעגן אַלע וואַסערן פון דער געגנט פליסן אין אַקאָסטאַ־געסל אַריין. די וואַ־סערן פלעגן פאַרפלייצן די גאַס, אַריבער די טראָטואַרן, שטייגן ביז די שויך־ווענטלעך ביי די קאַרידאָרן. ס׳געסל פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטראָמיקן טייך. אין אַזוינע טעג זענען די איינוווינער געווען ווי

אָפּגעשניטן פון דער וועלט. מען פלעגט קריכן איבער די דעכער, כדי אַריבערצוגיין אויף „עמק־יזרעאל״־גאַס. אַ מעת־לעת און צוויי נאָכן אָפּ־שטעלן זיך פון די רעגנס, פלעגט נאָך שטיין דער טייך. קיין וואָגן האָט נישט געקענט אַריינפאָרן. דער נאַפט־פירער, דער מילך־טרעגער, דער אייזפאַרקויפער, פלעגן בלויז אַריינקוקן אין געסל און מיט אַ שמייכל פאַרבייפאָרן. אויפן וואַסער פלעגן שווימען פאַרשידענע געהילץ־זאַכן: אַ פעסל, אַ פיסל פון אַ טישל, אַ הענטל פון אַ שענקל — אָפּפאַלעכץ פון די מעבל־שטיק, וואָס די סטאָלאַרעס פלעגן אַרויסשטעלן פאַר די טירן. דאָס וואַסער פלעגט מיטשלעפּן עטיקעטן פון ליכט־פּאַקונג (פון דעם ליכט־פאַבריקל) און שיכלעך פון דער קאָמאַשנשטעפּעריי. אין די פענצטער האָט מען דאַן געקענט זען מיידלשע קעפּלעך מיט „פּערמאַנענט״־אָנדולאַציע, די מיידלעך האָבן געוויס געהאַט אָפּגעשמועסט ראַנדעוווּען, נישט וויסנדיק נעכטן, וואָס דער מאָרגן קען ברענגען... פון צייט צו צייט פלעגט אַן איינוווינער, אָנגעטאָן אין הויכע גומי־שטיוואַלעס, אַריינטרעטן אין טייכל אַריין און מיט אַ שטעקן מעסטן די הייך פון דעם וואַסער. ער פלעגט איבערגעבן די איינוווינער, וואָס האָבן אויסגעקוקט אויף זיין ידיעה, מיט וויפל ס׳וואַסער איז געשטיגן, מיט וויפל געפאַלן. ער האָט גערעדט מיט אַ קול, ווי ער וואָלט לייענען עפּעס אַ קאָמוניקאַט.

יאָר נאָך יאָר פלעגט דאָס אַקאַסטאַ־געסל פאַרפלייצט ווערן. אָפט האָט זיך געדאַכט, אַז אַקאַסטאַ אַליין האָט געבראַכט אויף זיך די פאַרפלייצונג, כדי ווידער אַמאָל צו באַגיין זעלבסמאָרד, ער זאָל נישט דאַרפן פאַרלייקענען דאָס וואָס ער האָט געשריבן.

אָבער וואָס ס׳איז געווען אַמאָל, איז היינט מער נישטאָ.

סוף כל סוף האָט די עיריה זיך אַרומגעזען אַז ס׳איז נישט קיין תכלית מיט די פאַרפלייצונגען. האָט מען געגעבן אַ פיר אַן וועגענער מיט זאַמד. מען האָט געגעבן אַ הייב אויף דעם ברוק און באַגאָסן אים מיט בלישטשנדיקן אַספאַלט.

יעצט, אַז עס רעגנט, — מעג גיסן ווי פון צעבערס — שטעלט זיך דאָס וואַסער נישט אָפּ. מען קען נישט זאָגן, אַז ס'איז בכלל קיין וואַסער נישטאָ. אָבער די פּאַפּירענע שיפלעך, וואָס די קינדער לאָזן אויפן וואַסער — שווימען נישט...

צייטן בייטן זיך, — און גאַסן אויך.

די גאַס „דיזנגוף"

פאַראַן גאַסן, — אַפילו ברייטע, לאַנגע, אויסגעפּוצטע אין גרינסן, און דאָך זענען זיי פאַרשלאָפענע גאַסן.

אַנדערש איז די גאַס „דיזנגוף".

דערציילן וואָס די גאַס „דיזנגוף" איז געווען, איידער זי איז געוואָרן די „דיזנגוף"־גאַס, וואָלט הייסן דערציילן די מעשה בראשית, אָנהייבן פון דעם תוהו ובוהו וואָס איז באַשריבן אין חומש...

די גאַס „דיזנגוף" „שניידט זיך" צו זיין די זעלטנסטע אין דער שטאָט — „משכמו ומעלה"... זי ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון צפון־טייל פון דער שטאָט, האָט דעם „היכל־התרבות", האָט אַ מוזעאום. איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס „שטופּן" זיך קליינע קראָמען צווישן גרויסע: צווישן אַ קראָם פון אַנטיקן און אַ קראָם פון בלומען, האָט זיך אַריינגעקוועטשט אַ שיך־געשעפט; צווישן אַ ספרים־געשעפט און אַ געוועלב פון זיסוואַרג — אַן אַפּטייק. עס זעט אויס ווי איין קראָם האַלט געאָרעמט די צווייטע און זענען גרייט צו לאָזן זיך אין טאַנץ.

אויף דער „דיזנגוף" טאַנצט מען טאַקע.

יעדן שבת־צונאַכט און יום־טוב נעמען זיך צונויף אַלע קינדערלעך פון דער געגנט און טאַנצן אין סקווערל אַרום דעם פאָנטאַן, וואָס איז באַלויכטן מיט ליכט פון אַלע קאָלירן.

די גאַס „דיזנגוף" האָט צוגעצויגן צו זיך די גרעסטע קאַפע־הייזער, בופעט־רעסטאָראַנען. זי איז אַן „עסערקע"...

יעדע קאַפע האָט זיך זיינע שטאַם־געסט קרייזלעך: לאַנדסלייט, שכנים פון איין שיכון, גרופּעס יוגנטלעכע.

האַנט ביי האַנט מיט די קאַפעען גייען די בופעט־רעסטאָראַנען. אין די פענצטער פון די בופעטן הענגען ווורשטן און ווורשטלעך. זיי זעען אויס ווי פרענדזן ביי אַ פּוירהענגל. די גאַס דעמפּט זיך אין ריחות פון „לאַטקעס“, „פלפל“ און „פּיצאַ נעאַפּאָליטאַנאַ“...

„דיזנגוף“ הייבט אָן איר לעבן ווען דער הימל איז שוין טונקל־בלוי.

ס׳צעצינדן זיך מילך־ווייסע פייערן אין די רונדע און לאַנגע ווי רערן נעאָן־לאַמפּן, וואָס אין די שויפענצטער, וואָס אין די קאַפעען, רעסטאָראַנען, וואָס איבער זיי און אַרום זיי. עס צינדן זיך אָן ווי פּאַקלען די שורות רויטע באַרנפאַרמיקע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס אַרום די שילדן און רעקלאַמעס. אין די יום־טוב־אָוונטן צעצינדן זיך נאָך מער לאַמפּן און לעמפּלעך איבערביידע זייטן פון דער גאַס. די רעפלעקטאָרן פון די אויטאָבוסן און טאַקסעס וואַרפן סנאָפּעס ליכט. די גאַס זעט אויס ווי אַן אילומינירטע שיף אויפן ים. מיליאַנען קילאָוואַט עלעקטרישן שטראָם „עסן“ די לאַמפּן וואָס פאַרכישופן דעם בליק.

פון אַלע זייטיקע גאַסן, געגנטן, קומען מענטשן אויף דער „דיזנגוף“. מען קומט אין די קינאָס, מען קומט אין די קאַפעען. מען קומט קוקן ווער עס קומט. מען קומט זיך ווייזן. און די גאַס שלינגט, שלינגט אַריין אין זיך די מענטשנמאַסע, וואָס האַלט אין איין שטראָמען.

דאָס ליכט עסט... די גאַס עסט... אויך די מענטשן עסן...

פון תחילות אָוונט ווערן פול די קאַפעען. אויפן טראָטואַר איז אַן אומאויפהערלעכער שפּאַציר פון פּאָרלעך, פרויען און מיידלעך. מען גייט אַהין און צוריק, כדי סתם צו זיין אין באַוועגונג. עס זעט אָבער אויס, ווי זיי וואָלטן ספּעציעל דעפּילירן אין זייערע נייעסטע מאָדע־קליידער, קאָקעטירן מיט זייער לייכטן גיין אויף די אָפּצאַסלעך, דינענקע ווי טשוועקעס.

און די בופעט־רעסטאָראַנען זענען באַזעצט ווי בינשטאָקן... מען עסט פון קאַלטס און וואַרעמס, פון געבראָטנס און געפּרעגלטס; מען עסט שטייענדיק, מען עסט גייענדיק.

שפּעט ביינאַכט. דער הימל איז איינגעהילט אין אַ טונקל־גרויען שלייער. ווו־ניט־ווו דערטראָגט זיך אויף דער גאַס דער קלאַנג פון געשיר וואָס די קעלנער אין די קאַפעען און רעסטאָראַנען נעמען צוזאַמען פון די טישלעך. איצט שטייען זיי איינגעבויגן, אויסגעקרומט, מידע, איבער־געאַרבעטע, מיט „שווערע" קעפּ, אָט־אָט איינצודרימלען...

און דאָס ליכט עסט...

די גאָס „אַלנבי"

יעדן מענטש געלינגט עפּעס אין לעבן. דעם גענעראַל אַלענבי, דעם ענגלענדער, איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געלונגען צו פאַר־טרייבן די טערקן פון ארץ־ישראל און ער האָט זיך פאַראייביקט מיט דער צענטראַלער גאַס אין דער שטאָט תל־אָביב. אַזאַ מזל!...

אַ גאַס — איידער זי ווערט אַ גאַס — איז זי בלויז אַן אָפּגעטיילטער פּאַס ערד — אַ וועג, מענטשן זאָל זיין באַקוועמער צו גיין, צו פאָרן. דער וועג ווערט ערשט דאַן אַ גאַס, ווען פוןביידע זייטן, צי אַפילו נאָר פון איין זייט, ווערן אויפגעבויט הייזער.

טיילמאָל ווערן גאַסן אָנגערופן לויט זייער „בראַנזשע": „די יאַטקע־גאַס", „די פישער־גאַס". די באַצייכענונגען רופן מאָמענטאַל אַרויס אַן אַסאָציאַציע וועגן דעם אויסזען פון די גאַסן.

דאָס איז אָבער נישט חל אויף דער אַלענבי גאַס. זי איז אַנדערש פון אַנדערע גאַסן. בפירוש אַנדערש!

די גאַס אַלענבי ציט זיך פון ים אָן און שלעפּט מיט זיך מיט דעם גערויש פון די ים־כוואַליעס, ווי אַ פּאַקיר ציט זיינע סטענגעס פון אַ צילינדער...

אַ גאַס ווערט אויך געבוירן מיט איר מזל. די גאַס אַלענבי האָט אַוועקגענומען פאַר זיך ס'גאַנצע דאָברע־מזל פון אַלע גאַסן.

אויף דער אַלענבי זענען צעצווייגט די גרעסטע געשעפטן: „כל־בו"־מאַגאַזינען, רעקלאַמע־אַגענטורן, לופט־פלי־געזעלשאַפטן; די גרעסטע

שול, די צענטראַלע הויפּט־פּאָסט. דאָ זעט מען די רייכסטע דעקאָרירטע שוי־פענצטער.

די גאַס אַלענבי איז נישט בלויז אַן אַדרעס־גאַס אין דער שטאָט, — זי איז ווי אַ בריק, אַ שפּרונגברעט, צווישן דעם דרום־טייל און צפון־טייל פון דער שטאָט. מען קען אַריינקומען אין דעם צפון־טייל אויך דורך דעם ים־ברעג, אָבער מען גייט מער גערן דורך דער אַלענבי גאַס.

פון פרימאָרגן ביז אָוונט פליסט אויף דער אַלענבי גאַס אַן אומ־אויפהערלעכער שטראָם פון מענטשן: מענער, פרויען; אַלטע און יונגע. יעדער געפינט דאָ, אין די געשעפטן, וואָס זיין האַרץ גלוסט: אַ כלה — אַ חופה־שלייער, אַ פרומער ייד — אַן אתרוג למהדרין.

אויף דער גאַס הערשט אַ פאַרטויבנדיקער גערויש:
דער ים רוישט...
די גאַס רוישט...
די מענטשן רוישן...

מיט גערויש רייסן זיך אַריין אין דער „אַלנבי־גאַס" די אויס־רופן פון די הענדלער אויפן „כרמל"־מאַרק, וואָס איז אַן אָפּצווייג פון דער אַלענבי. עס רוישן די פאַרבייגייער מיט זייערע פאַרשידענע לשונות. די גאַס איז איבערפולט מיט אויטאָס, טאַקסיס און „פּריוועטס", מיט דעם געבלענד פון פילפאַרביקע קליידער און פאַרשידנהויטיקע פנימער: געל־הויטיקע, אַליוווהויטיקע, ווייסהויטיקע, און עס גלאַנצן אויגן אין פאַרשי־דענע קאָלירן.

צו יעדן יום־טוב ווערט די גאַס אַלענבי אויסגעשלייערט, אויס־געפּוצט מיט פענער און טראַנספּאַרענטן, און איז דער רייכסטער אָנגע־זעענסטער מחותן אויף דער שמחה. אַלע דעפילאַדעס, מאַניפעסטאַציע־צוגן מאַרשירן דורך דער גאַס אַלענבי.

שבת נעמט די אַלענבי גאַס אויף געסט. מען קומט פון אַלע טיילן פון דער שטאָט. מען קומט אָפּריכטן „עונג־שבת". ס'קומען גאַנצע משפחות, אַפילו מיט קינדער אין די וועגעלעך. מען קומט אויסגעפּוצט

אין עסיק און אין האָניק... מען קוקט אין די שוי־פענצטער: אַ בעל־מלאכה אויף אַ מאָדעל, אַ פּאַרפּאַלק — אויף דאָס, וואָס מען פּלאַנט צו קויפן. מען גייט מיטן שטראָם, מען גייט קעגן שטראָם.

אָוונט. עס „צינדט" זיך אָן די גאַס. די לאַמטערנס, די נעאָן־ליכט־לאַמפּן אין די שויפענצטער, די רעפלעקטאָרן איבער די רעקלאַמע־שילדן שפּיגלען זיך אָפּ מיט גלאַנץ אויף דעם ברוק־אַספאַלט. עס באַווייזט זיך אַ דיקער פּאַרשוין אָנגעטאָן אין ווייסן, אין דעם הויכן קוכער־הויב זעט ער אויס ווי אהרן הכהן פון דער הגדה. ער שטעלט זיך אין עק גאַס מיט אַ קעסל וואַרעמע וווּרשטלעך צו פאַרקויפן, און צוזאַמען מיט דעם טשאַד פון די רעסטאָראַנען פאַר מזרח־מאַכלים צעטראָגן זיך ריחות פון „פאַ־לאַפעל", פון געבראָטענע קאַרטאָפל, געפרעגלטן הערינג און עפּעס וואָס פון חלב, ווי פון פאַרלאָשענע הבדלה־ליכט. פונעם ראַדיאָ־הילכער פליסן די האַרציקע טענער פון „שבוע־טוב" (אַ גוטע וואָך), פון דעם „המבדיל בין קודש..." ווי די גאַס וואָלט זיך געגרייט צו אַ מלווה־מלכה...

שפּעט אין דער נאַכט.

די שטאָט שלאָפט שוין, נאָר די אַלענבי גאַס איז נאָך וואַך. די פייערן פון די נעאָנליכט־רעקלאַמעס צלענדן און שווינדלען פאַר די אויגן, ווי זיי וואָלטן נאָכגעמאַכט דעם געיעג פון די ים־כוואַליעס. טאַקסיס און „פּריוואַטס" יאָגן איבער דער גאַס אַהין און צוריק, ווי אין אַ פּאַרמעסט.

און דער ים רוישט...

די גאַס „הרצל"

אין יעדער שטאָט און שטעטל אין לאַנד איז פאַראַן אַ גאַס „הרצל", אָבער ווי אַזוי די גאַסן זאָלן ערגעץ אַנדערש נישט אויסזען, איז אַלץ נישט צו פאַרגלייכן צו דער „הרצל" גאַס אין תל־אביב.

מיט וואָס איז זי אַנדערש?

קודם כל, דערמיט וואָס זי איז איינע פון די עלטסטע גאַסן. דער עיקר אָבער, וואָס זי איז דער האַנדלס־צענטער פון דער שטאָט. דער דופק אין מסחר, דער שפּייכלער פאַר אַלע שטעט און שטעטלעך אין לאַנד.

די הייזער אויף דער „הרצל" גאַס, אין זייער אָפּגעלאָזענעם צו־שטאַנד, זעען אויס ווי עקספּאָנאַטן אין אַן אַנטיקוואַר־געשעפט. יעדעס הויז — אַנדערש געבויט, אַנדערע אַרכיטעקטור, ווי די אינזשיניערן אין יענער צייט וואָלטן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, אַז איין הויז זאָל זיין וואָס מער אַנדערשדיקער פון צווייטן. פון צווישן פלאַכדעכיקע הייזער הייבט זיך אַרויס אַ הייזקע מיט אַ שיפּן דאַך פון רויטע קאַכלקעס, און אין פראָנט — אַ קליין שמאָל באַלקאָנדל מיט נאָכהענגענדיקע צויטן פון אייזערנע שטאָכעטן־שטאַנגען, וואָס זעען אויס ווי אַ קאָזע־בערדל. אויף די שייד־ווינקלען פון דער גאַס שטייען הייזער: הויכע, ברייטע, לאַנגע באַלקאָנען גאַרטלען אַרום די הייזער. פאַראַן „שטומע" הייזער — אָן באַלקאָנען, ווי שיפן, און הייזער בייכיקע, — מיט שווערע באַלקאָנען, וואָס זעען אַליין אויס ווי הייזער.

איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, מיט קרוב הונדערט

הייזער, אין די פּאַרטערס און אויף די גאַרנס, איז צעפּלאַכטן אַ נעץ פון געשעפטן, געוועלבער, קראָמען און קרעמלעך; וואַרשטאַטן און וואַר־שטאַטלעך פון באַרשטן און לעדער־גאַלאַנטעריע; פאַבריקלעך פון וועש, פון טריקאָטאַזש, פון קליידער און מאַנטלען, פון קאָנפעקציע פאַר דער־וואַקסענע און פאַר קינדער אין די וויגעלעך.

די גאַס „הרצל" — די בראשית־גאַס פון תל־אביב, האָט אין זיך אַ גרויסע צאָל באַנק־הייזער אַ באַנק איבער אַ באַנק, אַ באַנק אַנטקעגן אַ באַנק, קאַנטאָרן פאַר וואַלוטע און ווערט־פּאַפּירן. ווענט און טירן און שויבן זענען באַשלאָגן און באַקלאַפּט פון שילדן און שילדלעך מיט אויפשריפטן פון גרויסע אותיות און שרייענדיקע פאַרבן, איינער רייט אויפן אַנדערן עס רופן יחוס־נעמען פון לאַנגע יאָרן־עקזיסטענץ, נעמען פון פירמעס מיט וועלט־רום, נעמען פון יונגע פירמעס, מיט גאָר גרויסע אותיות, וואָס ווילן איבערשרייען אַלע עלטערע פון איר.

פון פרימאָרגן אָן אָטעמט די גאַס מיט פאַרע פון די ראַדיאַטאָרס און מיטן ריח פון בענזין פון די אויטאָבוסן און טאַקסיס, וואָס פליען דורך דער גאַס און צעפאָרן זיך אין די זייטיקע גאַסן אַריין. ווי נאָר עס עפענען זיך די געשעפטן, ווי נאָר עס וויקלען זיך אויף די זאַלוזיעס און בלעכענע שיבטירן פון אַריינגאַנג אין די געוועלבער, ווערט אויף דער גאַס מיט אַ מאָל אַ געדרויש פון סוחרים, אַגענטן, פאַרטרעטערס פון פירמעס. ס'זענען פול די טראָטואַרן פון ביידע זייטן גאַס. ס'גייען מענער יונגע און עלטערע, ווער אין אַ רעקל מיט אַ קראַוואַט אונטערן שטייפן קראַגן, ווער אין אַ קאַרקן־העלם און אין קורצע כאַקי הייזלעך. ווער אין אַ ספּאָרט־העמד מיט אַ צעלייגטן קראַגן — אָפּענעם האַלדז, ווער אין אַ קאַפּעליוש אָדער אין אַ שטרויענעם הוט. ס'קומען סוחרים פון ירושלים און חיפה, פון עכו און רחובות, חדרה און טבריה, פון עפולה און מתולה. פון ווייטן צפון און טיפן דרום. מען גייט פאַרהאַוועט אין געיעג, כדי אין אַ קורצע צייט צו באַווייזן אָפּצוטאָן אַ סך. סוחרים פאַרדינען אין צייט, — „צייט איז געלט"... סוחרים ציען רווח פון געלט, — דער נאָמען געלט קלינגט

מיט אַזאַ כישוף, אַז אַלע רמ״ח אברים צאַפּלען צו דעם... פאַר מזומן קען מען אַ קוועטש טאָן דעם סוחר, דעם פאַבריקאַנט ער זאָל געבן גרעסערע „סקאָנטע״. סוחרים קעמפן פאַר זייער נאָמען, — „טוב שם טוב משמן טוב״... אַז איין קונה זאָל נאָר אָנרופן ס׳ערשטע אות פון דער פירמע, ווייסט שוין דער צווייטער וועמען ער מיינט.

די גאַס קלינגט... געלט קלינגט... דער נאָמען קלינגט...

אין מיטן פון דער גאַס „הרצל״ — ס׳רוב מעבל געשעפטן. מעבל כל־ערליי: פאַר אַ קיך, פאַר אַן עס־צימער, שלאָפצימער, סאַלאָן, קאַבי־נעט און ביבליאָטעק. ס׳זענען אויך דאָ אַ גרויסע צאָל געשעפטן פון אייזן־גאַלאַנטעריע, סטאָליאַר־מכשירים. געשעפטן פון דראָבנע גאַלאַנ־טעריע: נאָדלען און קנעפּ, טאַשמעס און שפּילקעס. געשעפטן פון וועש: פאַר פרויען און מענער, פאַר קימפעטאָרינס אַ טשעפּעק און פאַר פרומע אַ קאַפּעלע. פאַר פישער — גומי־שטיוול און פאַר אַ קינד אַ פאָן אויף שמחת־תורה. פאַר אַ יעגער אַ ביקס און פאַר אַ סגי־נהור אַ שטעקן. דאָ קריגט מען צו קויפן וואָס יעדן איינעם גלוסט זיך. — „מארזי לבנון״...

די גאַס „הרצל״ אין תל־אביב האָט זיך נישט געענדערט. נאָך אַלץ די שמאָלע טירן און לאַנגע קאַפּולאַרטיקע פענצטער וואָס אַמאָל. אין די שויפענצטער זענען אָנגעלייגט שטויסן סחורה אָן אַ סדר, נישט דעקאָראַטיוו. ס׳שרייען נישט קיין פאַרבן. ס׳רעשן נישט קיין רעפלעקטאָרן. אין ברוק פון דער גאַס זענען נאָך איינגעקאַפּעט שטיקער שינעס, דאָ איז אַמאָל דורכגעפאָרן די באַן און מען פלעגט זי אָפּשטעלן מיטן אויפ־הייבן אַ האַנט. אין די קאַנטאָרן, ווו מען פלעגט קויפן זילבער־ברוך און אַנדערע איידעלע מעטאַלן, שטייען נאָך עד־היום די וואָגלעך אויפן בופעט. זיי זענען אָבער היינט בלויז נאָר אַ זכר פון אַמאָליקע צייטן. דער דינער געלט־קלאַנג זשומעט נאָך אין די אויערן פון דעם אייגנטימער פון קאַנטאָר, און אין זיינע אויגן באַוויזט זיך אַ פייכטער גלאַנץ, ווען ער דערמאָנט זיך אין יענע צייטן. היינט האָט ער נישט וואָס צו וועגן אויף די וואָגלעך,

נישטאָ די מטבעות פון אַמאָל. וועגט ער זכרונות — די צייט, ווען אַ „ראָטל" אייער האָט געקאָסט אַ האַלבער פּיאַסטער...

אין די געשעפטן אויף דער „הרצל" גאַס זענען נישטאָ קיין שיק־יינגלעך, ווי ס'פלעגט זיין אַמאָל אין די געשעפטן אויף די נאַלעווקעס. פאַר יעדן געשעפט שטייט אַ טרעגער מיט אַ מאָטאָר־וועגעלע. די יוגנט: אָדער זי לערנט, אָדער איז אין „צ. ה. ל." אָדער אין קיבוץ.

די גאַס „הרצל" איז אַמאָל געווען דער „טרקלין" (סאַלאָן) פון דער שטאָט תל־אביב, היינט, אַז די שטאָט האָט זיך צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט מיט הויכע 7־שטאָקיקע הייזער, מיט טעאַטערס, קינאָס, מיט ביימער און גערטנער — איז די הערצל־גאַס איבערגעבליבן אויפן שוועל פון דרום־טייל פון דער שטאָט, אָבער זי האַלט זיך נאָך אַלץ ביי איר אַמאָליקן יחוס.

אין די צען טעג

אין די צען טעג

...אין דער שטאָט רעדט מען: מען רופט רעזערוויסטן זיך צו שטעלן אין די מיליטער־איינהייטן. ס׳ווערן אָוועקגענומען אין די איינהייטן שאָפערן מיט טאַקסיס און אויטאָבוסן. ביי די אויטאָבוסן־סטאַציעס שטייען מענטשן אין לאַנגע רייען. פון שעה צו שעה ווערט דער אויטאָ־פּאַרקער אַלץ שווערער און שווערער.

יאָסקע גייט אין שפּיטאָל אַריין אויף אַן אָפּעראַציע.

צוויי שורות בעטן — אַכט אין אַ שורה. ס׳ליגן קראַנקע שוין אָפּערירטע און קראַנקע צום אָפּערירן. אין ערשטן בעט, רעכטס ביים אַריינגאַנג, ליגט איינער אין אַ ווייסער מיצקע: ס׳איז אַ געוועזענע קוכער־הויב — אפשר אַליין געווען אַ קוכער?... דער קראַנקער אַנט־קעגנאיבער, אין שפּאַקולן, וואָס הענגען אים אויף דער שפּיץ נאָז, האַלט אַ בוך. זיין ווייס־אַנעמיש פּנים שפּיגלט אָפּ די ערנסט פון זיין קרענק. ער און דער אין דער „הויב" שאָקלען מיט די קעפּ, באַגריסן יאָסקען, אָדער אפשר איז דאָס זייערס אַ מיטלייד־אויסדרוק אַזאַ, וואָס ער דאַרף אַן אָפּעראַציע?

יאָסקע גייט צווישן די צוויי שורות בעטן. קעפּ און פּנימער שווינד־לען אים אין די אויגן, ווי ס׳וואָלט זיך געצויגן עפּעס אַ פילם־לענטע.

ער דאַרף צוגיין צום בעטל — ס׳לעצטע אין דער ריי, ביי דער סאַמע וואַנט. — זאָל ער זיך לייגן, אָדער זעצן? — מען האָט אים נישט געזאָגט, און ער זעצט זיך נישט אויף דעם בעט — אויס געוווינהייט. ס׳שטייט נעבן בעט אַ שטול פאַר די, וואָס וועלן קומען אים באַזוכן.

זעצט ער זיך אַוועק. דער חולה אין שכנותדיקן בעט שלאָפט. דער קראַנקער פון אַנטקעגנאיבער זיצט אַנגעלענט אויף אונטערגעבעטע קישנס; ער קוקט אויף יאַסקען פון אונטערן שטערן. עפּעס אַ שפּאַטיש שמייכעלע צוקט אין זיינע מויל־ווינקלען. „איך מוז אויסזען משונה אין די שפּיטאָל־בגדים — אפשר דערפאַר שמייכלט ער אַזוי!?... און ער אַליין ווי זעט אויס? זיך זעט ער נישט!...

ס'איז שטיל אין זאַל. די שטילקייט אַליין — אַ רפואה... ס'הערט זיך נאָר אַ זיפץ, אַ קרעכץ, אַ מידער רוף פון שלאָף:

— אחות! אַחות!...

דער מונקאַטשער, אַ רעליגיעזער ייד, ליגט מיט פאַרבאַנדאַזשירטע ווענג וועלכן מען האָט געהערט אַז עס האַלט מיט אים „שמאָל". קוקן זיך אויפן קאָפּ און ער רופט מען זאָל עס אים אַנטאָן גוט. ער זאָל עס פּילן.

עס קרעכצט דער אָפּערירטער נאָך דער שווערער אָפּעראַציע, ווענג וועלכן מען האָט געהערט אַז עס האַלט מיט אים „שמאָל", קוקן זיך די קראַנקע איבער און כאָטש זיי זאָגן זיך גאָרנישט, זעט מען אַז זיי האָבן מורא פאַר עפּעס... מורא צו זאָגן זיך, פאַר וואָס זיי האָבן מורא...

*

יאַסקע קען שוין אַלע קראַנקע אין דער כירורגישער אָפּטיילונג. זיי ווייסן שוין, אַז ער דאַרף אָפּערירט ווערן.

איינער זאָגט: — „אַ לייכטע אָפּעראַציע!"

אַ צווייטער: — „אַזאַ אָפּעראַציע, אַז זי געלונגט נישט, מאַכט זיך אַ טראָמבאָזע און מען שטאַרבט...

אַ דריטער: — „לאָז זיך אויס פון זייער רעדן. זיי זענען לצים". און ער דערקלערט אים פאַר וואָס זיי רעדן אַזוי:

— מיט אַ צעבראָכן אבר איז דער קראַנקער נישט אַזוי צעבראָכן ווי מיט אַן אינערלעכער קרענק. דער לעצטער איז פאַרטאָן אין זיין קרענק און רק ער האָט מורא, אַז ס'איז דאָ עפּעס אַ סוד וועגן אים... נעם

מיך, מיט מיין צעבראָכענעם פוס, אַ „לאַפּאַטע״ זעט ער אויס, און אַ שטאַנג, אַן אייזערנע, האָבן זיי אַריינגעזעצט אין מיטן פון מאַרך. אין די ביינער — איז אַ גוטער טעם? — אַ פּאַסקודנער טעם. אָפּט דריי איך זיך פון ווייטיק, ווי אַ שלאַנג, און דאָך קלער איך גאַרנישט אַריין, — יהיה טוב!...

אין מיטן רעדן גיט ער אַ פרעג:

שמע־נאַ! וואָס טוט זיך אין דרויסן? ס׳קאָכט זיך עפּעס!... מען וועט בלויז אַ שטויס טאָן?... אָדער אַ גיי טאָן ביז פּ ר ת?... און ער ווינקט צו, כדי יאָסקע זאָל פאַרשטיין זיין רמז...

*

אָוונט.

די קראַנקנשוועסטער האָט שוין געמאַכט די איינשפּריצונגען יעדן חולה און זי לעשט אויס די עלעקטרע. טייל קראַנקע רופן:

אַחות! אַחות! — כדור־שינה, אַחות!...

— אַחות! אַחות! — בקבוק!...

— אַחות! —

צוויי קראַנקע: בעריש און מיקאַ, אויף צוויי וועגלעך פאָרן זיי אַריין אין זאַל. ווי צוויי שטילע טויבן לייגן זיי זיך אויף די בעטן, אָבער זיי שלאָפן נישט. ביידע האָבן זיי זיך באַטייליקט אין דער באַפרייונגס־מלחמה און איינער דערמאָנט פאַרן אַנדערן ערטער, סיטואַציעס. זיי ווייסן שוין, אַז אין שטאָט גייט אָן אין דער שטיל אַ מאָביליזאַציע.

— מ׳גרייט זיך אָפּצוטאָן אַ גרויסע זאַך... ווען איך זאָל נישט זיין אַזוי צעבראָכן.

— און איך!?... זאָגט מיקאַ.

*

באַגינען.

יאָסקע האָט נאָך רעכט נישט אויסגעווישט די אויגן פונעם שלאָף

און דער קראַנקער, וואָס אין בעט אַנטקעגנאיבער, — אַ פּריזירער אין הדר־יוסף, — רעדט פּויליש, שעלט אין רוסיש, און חורדן, דער קראַנקנ־שוועסטער, שיקט ער קושן מיט פסוקים פון שיר־השירים, און צו יאָסקען זאָגט ער: ער וועט דערציילן, אַז ר׳האָט ביינאַכט געפּלאָפּלט אין שלאָף, זיך אויסגעטענהט מיט אַ פרוי...

זכריה, זיין שכן, נעמט זיך אָן פאַר אים:

„שוואַי, שוואַי" (וואַרט, וואַרט), ס׳איז וועגן דיר אויך דאָ וואָס צו דערציילן!...

סאָכעוויטש, דער חולה וואָס ליגט אין שכנות מיט זכריהן, איז אַמאָל, אין זיין געבורטסשטעטל שערפּץ, געווען בלויז אַ בעקער־געזעל — היינט איז ער אַן אייגנטימער פון אַ בעקערייַ. זינט ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, איז אָדער ער דאַוונט, אָדער ער זאָגט תהילים. ער האַלט זיך גרויס מיט זיין קראַנק־זיין און פּיעשטשעט זיך. ווען מען דערלאַנגט אים עסן — וויל ער נישט אַנדערש ווי נאָר רחלה, די קראַנקנשוועסטער, די שיינע רחלה זאָל אים אָנקאָרמען.

אַלע שמועסן און ווערטלען זיך הערן אויף, ווי נאָר ס׳הייבט זיך אָן דער באַזוך פון די דאָקטוירים. קראַנקע שווייגן, ווי מתפּללים אין שול, ראש־השנה פאַרן שופר־בלאָזן. דאָקטוירים פון אָפּעראַציע־זאַל, אָנגעטאָן אין ווייסן פון קאָפּ ביז די שיך־קנאַפּל, קומען אַריין און גייען אַרויס. זייער אויסזען רופט אַרויס אַ שוידער. — מען דערמאָנט זיך, אַז מען וועט דאַרפן גיין אונטערן מעסער.

זכריהן האָט מען גענומען צו אָפּערירן. מען האָט אים צוריק־געברענגט בלאָ ווי אַ מילץ. יעדער רגע נעצט יאָסקע איין אַ שפּענדל אין וואַסער און באַשמירט אים די ליפּן. — אַזוי האָט ער געבעטן ר׳זאָל טאָן מיט אים ס׳חסד, — ער וועט אים, — האָט ער געזאָגט — אָפּדינען...

צומאָרגנס האָט זיך אָבער אַלץ אַ קער געטאָן: קרובים זענען געקומען באַזוכן די קראַנקע נישט אין דער אָנגענומענער צייט. ביינאַכט

האָט מען נישט אָנגעצינדן די עלעקטרע. נאָר איין דאָקטאָר איז געקומען, און זיין באַזוך, אויך בלויז ווי פון יוצא־וועגן.

— מעגלעך מען וועט אַלע אַהיימשיקן, — האָט ער געזאָגט — ס׳שפּיטאָל דאַרף זיין צוגעגרייט אויפצונעמען פאַרוווּנדעטע.

די אָקטאָבער־טעג זענען הייסע, חמסיניקע. אין דער פינצטערניש שפּינען זיך סודות...

*

מען האָט שוין אַראָפּגעלאָזן די טונקעלע פאָרהאַנגען פון די פענצטער. זונגלאַנץ האָט זיך געשפּיגלט אין די שויבן. ס׳איז געקומען דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער אָפּטיילונג. ער איז איצט אַרומגערינגלט בלויז פון סאַניטאַרן. די אַנדערע דאָקטוירים זענען גענומען געוואָרן אין זייערע איינהייטן.

—דער : אַהיים! דער אַהיים! — זאָגט דער דאָקטאָר צו די סאַניטאַרן, אָנווייזנדיק אויף קראַנקע. ער אַליין טשעפּעט אָפּ פון בעט דאָס טאָוועלע, ווו דער נאָמען פון קראַנקן איז פאַרשריבן.

אין די קליינע צימערן זענען שוין נישטאָ קיין קראַנקע, דאָרט ליגן שטויסן גיפּס־פאָרמען צו הענט און פיס, באַנדאַזשן, וויקלשנורן. ס׳איז אויך אָנגעקומען אַ גרופּע פרויען, מיטגלידערינס פון וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, כדי צוצוהעלפן די קראַנקנשוועסטערס. מיקאָ האָט באַלד נאָכן ערשטן וואָרענונגס־אַלאַרם, אַז פיינטלעכע עראָפּלאַנען דערנענטערן זיך, — גענומען דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און נעבן בעט אים אַוועקגעשטעלט. ער האָט דער ערשטער אויפגענומען די באַריכטן פון פראָנט. אַלע שוועסטערס, סאַניטאַרן, דאָקטוירים, וואָס האָבן דיזשורירט אין אָפּעראַציע־זאַל, זענען געקומען צו אים זיך דערוויסן, וואָס ער האָט געהערט.

יאָסקע ליגט נאָך אַ פאַרבאַנדאַזשירטער. ס׳איז נאָך דער אָפּעראַציע, אָבער די סכנה איז איצט אַן אַנדערע, אַ נאָך גרעסערע ווי פאַר דער אָפּעראַציע! ער טאָר זיך נישט רירן פון אָרט. און מען וועט אפשר

דאַרפֿן די קראַנקע אַראָפּנעמען אין „מקלט” אַריין. דער געלער סאַניטאַר, וואָס האָט אים געהאָלפֿן זיך איבערטאָן אין שפּיטאָל־בגדים, וועט אים נעמען אין „מקלט” אַריין...

מיטאָמאָל:

— „צ. ה. ל.” ביי סיני!... האָט זיך דערהערט ווי אַ שופר־בלאָזן אין קול פון ראַדיאָ.

— חברה! אַרויס פון די בעטן, חברה! אַ האָראַ! אַ האָראַ; געטאַנצט זאָל ווערן! — רופט אויס מיקאָ.

בעריש און מיקאָ האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די צווייערדל־דיקע וועגעלעך, אַנדערע האָבן געכאַפּט זייערע קוליעס. מען האָט געהאָפּעט מיט איינציקע פיס, צוגעטופּעט מיט די קוליעס. קראַנקע אין די בעטן האָבן געקלאַפּט מיט לעפעלעך אין די טיי־שעלעכלעך צום טאַקט און ניגון.

פּלוצלונג איז שטיל געוואָרן. אַלע זענען שטיין געבליבן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. אַ סאַניטאַר און אַ קראַנקנשוועסטער האָבן אַריינגע־פירט אַ רעדל־בעטל אין זאָל אַריין און אויפן בעטל אַ פאַרוווּנדעטער חייל.

— פון סיני־פראָנט! — זאָגט דער סאַניטאַר.

— ער שלאָפט, — רופט זיך אָן די שוועסטער און הייסט מען זאָל שטיל זיין.

פון אַלע אָפּטיילונגען אינעם שפּיטאָל איז מען געקומען זען דעם חייל פון סיני־פראָנט. מען וואַרט ער זאָל זיך אויפוועקן. ס׳ווילט זיך הערן עפּעס וועגן דער העלדישקייט פון אייגענע בחורים.

דער חייל האָט צעעפנט די אויגן און געקוקט אַרום זיך. ער האָט געקוקט אויף זיינע געגיפּסעטע הענט, געקוקט אויף דער גרופּע קראַנקע, וואָס שטייען אַרום זיין בעט, און ווידער פאַרמרוזשעט די אויגן צו שלאָפן.

— ביים סיני?... פרעגט איינער פון די קראַנקע.

— יאָ!

— פאַרוווּנדעט?

— גאַר פון אַ צופאַל... געוואָלט אַהיים... זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ מאַטאַציקל — אַראָפּגעפאַלן אין לויף...

— אוןביים סיני ?...

— אויס קאַמפן. מיר האָבן זיי פאַרשטאָפּט די מיילער... די טאַנקן און די האַרמאַטן צוגענומען, — דערציילט דער חייל און ער קוקט זיך אַרום, זוכט עפּעס. ער בעט מען זאָל אים געבן זיין „תרמיל־צד״.

זכריה איז שנעל געקומען צו די כוחות. ער גייט שוין אַרום. ער האָט אויפגעזוכט דעם חיילס רוק־זעקל. זכריה איז גליקלעך, וואָס ער, נישט קיין אַנדערער, העלפט דעם חייל. ער טוט פאַר אים אַלץ, וואָס ער וויל. ווען ער שיט אויס די זאַכן פון רוק־זעקל און ס׳פאַלט אַרויס עפּעס אַ שטיינדל, וויל זכריה דאָס נעמען, אָבער דער חייל לאָזט נישט אָנרירן דאָס שטיינדל.

ער האָט עס געפונען אויפן סיני. ס׳איז זיכער אַ שפּריצל פון די ערשטע צעבראָכענע לוחות!... זאָגט ער אין איין אָטעם. — יענע נאַכט האָט ער אין חלום געזען משה רבנו, ווי ער וואָלט אים געשטאַנען פאַר די אויגן. ס׳איז ענלעך צו אַ שריפט! — רופט ער אויס אין התלהבות, און ער לאָזט נישט אַרויס דאָס שטיינדל פון דער האַנט, שמייכלענדיק צו דעם ווי צו אַ קינד...

*

אַ גאַנצע נאַכט האָט יאָסקע געזען אין דמיון — ס׳גייען גרויסע מחנות מענטשן, ווי דער גאַנצער ישוב וואָלט געגאַנגען. דער חייל זיצט אויף אַ שטול און מען טראָגט אים, ווי אויף אַ טראָן. זיינע הענט אַנגע־טוענע אין גיפּס, זעען אויס ווי צוויי לוחות. ער האַלט דאָס שטיינדל און זיין פּנים שיינט אַלץ העלער און העלער...

אינהאַלט:

אין איינעם אַ מיטוואָך 9
די גאַס אַריסתּובול 14
די גאַס בזל 18
ס'הויז אין גאָרטן 22
פּנחס 24
יאַסקע 28
בתיה 36
מיט אָפענע אויגן 44
געזען אילת 46
די בערג אין גליל 49
אַ שטעטל ביי דער גרענעץ 51
סדום 54
ביים כאַפּן פיש 57
אַ דאַנק 67
דער קיבוץ 70
דער יום־טוב ביכורים אין קיבוץ 75
געזען ירושלים 79
די גרויסע מסיבה 84

שכנים

אַ לעבן אויפסניי 93
עוזר און גדליהו 100

גאַסן

מיין גאַס 109
די גאַס אוריאל אַקוסטה 112
די גאַס דיזנגוף 116
די גאַס אלנבי 119
די גאַס הרצל 122
אין די צען טעג 129

ביכער פון זעלבן מחבר:

1. איבערגאַנג, ראָמאַן, וואַרשע, 1931
2. חבר יאזע בראף, ראָמאַן, וואַרשע, 1934
3. געראנגל (לובלין — 1939—1943) י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, 1948

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּירניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאָטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש (לידער)
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאַרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאַרנע (באַנד 2)
ה. ליוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד־העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון ווי און גלויבן (לידער)
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
אַ. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפּער	ר' זלמן
א. שטיינבאַרג	משלים
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן

י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נײַער היים
אברהם ליס	היים און דויער (עסייען)
ד״ר ח. שאַשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
משה ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאַרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראַנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון (פּאָעמע)
א. סוצקעווער	אָאַזיס (לידער)
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט (לידער)
ל. אליצקי	מיין האַרץ־רייזע (לידער)
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
נ. דרוזדוב	יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75־טן געבוירנטאָג
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר (לידער)
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (באַנד 1)
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (באַנד 2)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
יוסף ראָטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
ש. פּאָליאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
יוסף גאָר	ווידערקלאַנגען
ספר בארשטשיוו	יזכור־בוך
מרים ריינעס־מלצר	צום קוואַל
יעקב כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען
ד״ר חיים שאַשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר הירדן
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
ע. פערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
יחיאל האפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
יחיאל האפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט — אַלבאָם

רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
נוסיאַ — איניאַ שיפמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר״...
אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש־העברעיש־ענגליש)
ש. זאראמב	אויסדערוויילטע שריפטן
ז. מ. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
איציק מאנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)

בעברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קביאטקובסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגזעים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (עברית־יידיש)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור